THE HEBREW JOURNAL

# דער אידישער זשורנאל

A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
CIRCULATED
ALL OVER
CANADA
AND ABROAD

צאהלט אייער חוב
צו דער צדקה
פעדע־אציע

צו ווערען א מיט־
גליעדער קאסט בלויז
$6.00 א יאהר

VOLUME IV. No. 19 Wednesday December 5 1917 | כ' כסלו פרשה וישב תרע"ח | מיטוואך דער 5־טער דעצעמבער 1917 | PRICE : TWO CENTS

A S Freidus
c/o The New York
Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK N.Y.

# וואפען שטילשטאנד צווישען רוס־לאנד און דייטשלאנד געשלאסען

## וואפען ־ שטילשטאנד אויף דער צייט פון 48 שטונדען געשלאסען אין דער הויפט קווארטיר פון פרינץ לעאפאלד פון באווא ריען, באלשעוויקעס האבען פארנומען די מיליטערישע הויפט קווארטיר אין מאהליוו און האבען ערמארדעט גענעראל דוכאנין

## עלליים בעראטהען זיך צו ערלויבען רוסלאנד צו שליסען א סעפעראטען פריעדען

לאנדאן דעצ., 4.

א וואפען ־ שטילשטאנד צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד איז געשלאסען געווארען אין דער הויפט קווארטיר פון פרינץ לעאפאלד פון באווא ריען, מעלדעט א טעלעגראמע פון אמסטערדאם.

דער וואפען ־ שטילשטאנד איז גילטיג פאר 48 שטונדען.

### דער דייטשער בעריכט.

בערלין דעצ. 4. דורך לאנדאן.

אונטערהאנדלונגען פאר א וואפען ־ שטילשטאנד אויפ'ן רוסישען פראנט האבען זיך אנגעפאנגען נעכטען. די פארהאנדלונגען ווערען פארגעזעצט.

אזוי האט היינט אפיציעל פערעפענטליכט דער קריגס אפיס.

### באלשעוויקעס ארגאניזירען די דייטשען

לאנדאן דעצ., 4.

א טעלעגראמע פון פעטראגראד צו דער ,,ניוס'' מעלדעט אז די רוסישע רעגירונג פון די באלשעוויקעס האט ארויסגעגעבען א מאניפעסט צו די דייטשע און עסטרייכישע סאלדאטען. דער מאניפעסט וועט אבגעדרוקט ווערען אין א גרויסער צאהל עקזעמפליארען און וועט צווישען די סאלדאטען פארטהיילט ווערען דורך רוסישע עראפליינס.

דורכ'ן מאניפעסט זוכען די באלשעוויקעס צו ארגאניזירען די עסטרייך־דייטשע סאלדאטען זיי זאלען נאכטהון די רוסישע ארבייטער.

### גענעראל דוכאנין ערמארדעט

פעטראגראד, דעצ., 4.

גענעראל דוכאנין וועלכער איז געווען דער הויפט קאמאנדיר פון די רוסישע ארמייען נאכדעם ווי די פראוויזארישע רעגירונג איז אומגעווארפען און וועלכער האט זיך ענטזאגט אויסצופאלגען דעם בעפעהל פון די באלשעוויקעס אנצופאנגען פארהאנדלונגען מיט די דייטשען פאר א וואפען ־ שטילשטאנד איז ארויסגעווארפען געווארען פון א פענסטער פון א צוג און איז ערמארדעט געווארען, נאכדעם ווי ע. קרילענקא וועלכער איז בעשטימט געווארען אלס הויפט קאמאנדיר פון די רוסישע ארמייען האט פארנומען מאהליוו, וואו עס געפינט זיך די הויפט קווארטיר פון די רוסישע ארמייען, אזוי איז אפיציעל אנאנסירט געווארען פונ'ם רוסישען קריגס אפיס.

### גרויסע שלאכט אין וויטעבסק

א שלאכט צווישען סאלדאטען פונ'ם פעטראגראדער גארניזאן אונטער דער קאמאנדע פון ע. קרילענקא און אן ארמיי פון קאזאקען קומט פאר ארום וויטעבסק. אזוי ווערט בעריכטעט פון קרילענקאן אין א טעלעגראמע וועלכע איז ערהאלטען געווארען אין פעטראגראד. די קאזאקען איז געלונגען ארומצורינגלען א טהייל פון דער פעטראגראדער ארמיי.

עס ווערט אויך בעריכטעט אז גענעראל קארנילאוו איז אנטלאפען פון טורמע וואו ער איז געווען פארשפארט.

גענעראל קרילענקא האט היינט טעלעגראפירט אז דער גענעראל שטאב וועלכער האט זיך ענטזאגט צו אנערקענען די אויטאריטעט פון די באלשעוויקעס איז געצוואונגען געווארען זיך אונטערצוגעבען.

### עלליים וועלען ערלויבען רוסלאנד צו שליסען א בעזונדערען פריעדען

פעטראגראד, דעצ., 4.

דער פעטראגראדער סאוועט פון ארבייטער און סאלדאטען האט אינפארמירט היינט דעם אייזענבאהן ארבייטען פעראיין, אז די עלליים פיהרען אונטערהאנדלונגען צו געבען רוסלאנד די מעגליכקייט זי זאל קענען שליסען א סעפעראטען פריעדען.

### שוועדען וועט ניט זיין די פערמיטלערין.

שטאקהאלם, דעצ., 4.

דער שוועדישער אויסלענדישער מיניסטעריום האט אויטאריזירט די אסאשיאייטעד פרעס ארויסצוגעבען פאלגענדען סטייטמענט אום אבצולייקענען דעם בעריכט וועלכער האט זיך פארשפרייט אין פאריז און אין אנדערע שטעדט אז שוועדען האט אויף זיך גענומען צו זיין די פערמיטלערין צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד צו שליסען פריעדען.

## זיעג הלואה א וואונדערבארער ערפאלג

די רעפארטס וואס זענען אריינגעקומען ביז נעכטען פארנאכט בעווייזען דאס פאר דער זיעג ־ הלואה זענען אריינגעקומען סובסקריפשאנס אויף דער סומע פון 407 מיליאן, 344 טויזענד מיט זיבען הונדערט דאלאר. אין טאראנטא אליין איז אריינגעקומען די סומע פון 76 מיליאן, 256 טויזענד און צוויי הונדערט דאלאר.

ווי די הלואה קאמיטע ערקלעהרט איז דער ערפאלג מעהר וויפיעל זיי האבען אפילו געחלומ'ט דער אויפרוף איז געווען אויף דריי הונדערט מיליאן דאלאר און דאס קענעדער פאלק האט געקויפט א דריטעל מעהר וויפיעל מען האט פון זיי פערלאנגט.

אין טאראנטא איז געזאמעלט געווארען באלד א פערטעל פון דער גאנצער הלואה. כאטש דער ציעל איז געווען ניט מעהר ווי אויף 75 מיליאן דאלאר.

די צאהל מענשען וואס האבען אין טאראנטא געקויפט באנדס איז 126.390 דאס מאכט אויס ארום א פערטעל פון דער בעפעלקערונג האבען געקויפט באנדס. אדער איינער פון יעדע 24 איינוואוינער האט געקויפט א באנד.

## בעשטראפט מיט $25 פאר ברעכען דאס שפייז קאנטראל געזעץ

די רעסטאראנט פירמא ,,טהאמפסאן לימיטעד'' 85 יאנג סטריט איז בעשטראפט געווארען מיט $25 און קאסטען פאר איבערטרעטען די רעגולאציעס וואס דער שפייז קאנטראלער האט ארויסגעגעבען. די קלאגע איז געווען דאס די פירמא האט פערקויפט פלייש צו איהרע קאסטימער צו ביידע מאהלצייטען אין זעלבען טאג. דער פארשטעהער פונ'ם היגען דעפארטמענט האט אפילו געטענה'ט דאס עס איז דעם מענעדזשער'ס שולד, און דאס די קאמפאניע האט איהם דערפאר אבגעזאגט פון דער שטעלע, אבער מעדזשיסטרייט קינגספארד פאר וועמען דער משפט איז פארגעקומען האט ערקלעהרט דאס די שטראף וועט זיין א ווארנונג פאר אנדערע רעסטאראנטארס ניט צו טהון דאס זעלבע און דאס וועט זיי דערמאהנען אז פאר אזא פערברעכען קאנען זיי בעצאהלען הונדערט דאלאר שטראף.

## קראפאטקין און גארקי געגען די באלשעוויקעס

וואשינגטאן דעצ., 4.

פרינץ קראפאטקין וועלכער ווערט פארעכענט אלס דער פאטער פון די אנארכיסטען און מאקסים גארקי, האבען זיך יעצט ערקלעהרט געגען דער יעצטיגער רוסישער רעגירונג פון די באלשעוויקעס.

ביידע זענען שארף ארויסגעטראטען אין דער פרעסע געגען דער רעגירונג.

## טריבונאלען שוין באלד פארטיג מיט זייערע פערהאנדלונגען

א גרויסע טייל פון די לאקאלע טריבונאלען זענען שוין אין גאנצען פערטיג מיט זייער ארבייט, בלויז א קליינע צאהל זענען נאך געבליבען צו פערהאנדלען די פעראיבערגעבליבענע בקשות, ווארום דאס געזעץ פאדערט אז די פערהאנדלונגען זאלען אנהאלטען ביז'ן צעהנטען פון דיעזען מאנאט.

אויף די ליסטען וואס זענען פערהאנדעלט געווארען געפינען זיך פאלגענדע אידישע נעמען וואס האבען געקראגען בעוויליגט זייערע בקשות אויף עקזעמפשאן:

א. ראלאווסקי 175 אגוסטא עוו.
ה. נאלר 325 דאנדעס סט. וועסט
ק. קליימאן 174 טשעסטנאט סט.
ד. שניידערמאן 5 קאמעראן סט.
מ. שטיין 399 קווין סטריט וועסט

## פערבאטען צו געברויכען תבואה אויף שטארקע געטראנקען

אטאווא, דעצ., 4.

אן ארדער אין קאונסיל איז נעכטען אנגענומען געווארען, אויף דער רעקאמענדאציע פונ'ם שפייז קאנטראלער, וועלכער פערבאט צו געברויכען אין קענעדע אירגענד וועלכע תבואות וואס מען קען געברויכען אויף עסענווארג, פאר דעם צוועק צו פראדוצירען שטארקע געטראנקען.

דער ארדער פארבאט ניט נאר תבואות נאר אירגענד וועלכע עסענווארג מאטעריאלען טארען ניט געברויכט ווערען. אפילו צוקער אדער אנדערע סירופס ווערען אויך אריינגערעכענט.

דער ארדער איז אריין אין קראפט דעם 1טען דעצעמבער.

דער שפייז קאנטראלער האט נעכטען אנאנסירט דאס אויב עס וועט קאנען בעוויזען ווערען דאס סיראפ וועלכער קען געברויכט ווערען צום עסען איז פארנוצט געווארען צו מאכען דערפון שנאפס אדער אנדערע שטארקע געטראנקען וועלען גלייך גענומען ווערען שריטע געגען אזעלכע פארברעכענס.

## מיידעל פעראורטהיילט צו 10 יאהר געפענגנים

כיאטעל וואש. דעצ., 4.

מיס לואיזא אליווערא, א מיידעל וועלכע איז בעשולדיגט געווארען אין אגיטירען געגען מלחמה און שטערען דעם קאנסקריפשאן געזעץ איז פעראורטהיילט געווארען צו צעהען יאהר געפענגנים. די פאליציי האט געגען איהר געמאכט זעקס קלאגעס און בעהויפטעט דאס זי האט זיך אליין ערקלעהרט אלס אן אנארכיסטקע.

### קומט אבנעהמען א בריעף.

אין אפיס פון ,,אידישען זשורנאל'' געפינט זיך א פאסט ־ קארטעל אדרעסירט צו מיס אסתר שטיקאפסקי 10 דעניסאן סקוועיר.

דאס פאסט קארטעל קומט פון א שטעדטיל אין קיעווער גובערניע. לויט דעם אינהאלט איז דאס געשריבען פון עלטערען צו קינדער.

## עקס פרעמיער אסקוויט איינשטימיג מיט לארד לענסדאון

א פערזאמלונג פון די פיהרער פון דער אפאזיציע האט זיך אויסגעדריקט פאר לארד לענסדאונ'ס בריעף.

לאנדאן דעצ., 4.

דער ,,מאנטשעסטער גארדיאן'' מעלדעט אז א פערזאמלונג פון פיהרער פון דער אפאזיציע ביי וועלכער דער געוועזענער פרעמיער אסקוויט איז אנוועזענד געווען האט זיך דורכאויס ארויסגעזאגט פאר'ן בריעף וועלכער איז געשריבען געווארען לעצטע וואך פון לארד לענסדאון, אין וועלכען ער האט אויפגעפאדערט די עלליים צו רעווידירען זייערע קריגס ציעלען וואס דאס וואלט געבראכט נעהענטער צו פריעדען.

עס ווערט אויך בעריכטעט אז ווען דער עקס פרעמיער אסקוויט וועט קומענדען מאנטאג ריידען אין בירמינגהעם וועט ער אויך ריידען וועגען לארד לענסדאונ'ס בריעף און וועט פערעפענטליכען זיין שטעלונג צו דער פראגע אין אלגעמיין.

## מאהנט 5000 דאלאר

נאטהאן נאלד האט אינ'ם נאמען פון אברהם נאלד פארקלאגט פ. קלארק אויף 5000 דאלאר דעמעדזשעס.

דער קלעגער מאהנט דאס געלד אלס דעמעדזשעס דערפאר וואס דער אנגעקלאגטער האט איהם פערוואונדעט ווען זיין אויטאמאביל האט דעם קלעגער אומגעווארפען.

## אמעריקאנער לופט פליהער געטויטעט

פאריז, דעצ., 4.

טשארלס טרינקארד פון ברוקלין איז לעצטען זונטאג געטויטעט געווארען אין א לופט שלאכט אויפ'ן מערב פראנט.

ער איז געווען דער ערשטער אמעריקאנער, וועלכער האט זיך אנגעשלאסען אן דעם ,,פארעין לעגיאן'' פון די לופט פליהער.

### ענגלאנדס פערלוסטען די וואך 28,822

לאנדאן דעצ., 4.

ענגלאנדס פערלוסטען אויף די שלאכט־פעלדער פאר דער וואך וועלכע ענדיגט זיך היינט זענען 28,822 זיי זענען איינגעטהיילט ווי פאלגט:

געטויטעטע אדער געשטארבען פון וואונדען 169 אפיצערען און 6,153 סאלדאטען.

פערוואונדעט אדער פערלוירען געגאנגען 494 אפיצערען און 22,006 סאלדאטען.

## רבנים דאנקען ענגלאנד פאר איהר ארץ ישראל דעקלאראציע

רבנים קאנפערענץ בעשליסט צו פאדערען פון אמעריקא זי זאל שטיצען דעם ציוניזם. אויפרוף צו אלע ארטהאדאקסישע אידען זיי זאלען זיך אנשליסען אן דער ציוניסטישער פארטיי.

(ספעציעל צום ,,אידישען זשורנאל'').

ניו יארק, דעצ., 4.

היינט האט זיך דא געעפענט די קאנפערענץ וועלכע איז איינגערופען געווארען פון די אגודת הרבנים המטיפים באמעריקא מיט'ן צוועק ארויסצושטעלען פאדערונגען פאר א אידישער היים אין ארץ ישראל אינ'ם נאמען פון דער אידישער רעליגיאן.

הונדערט און פופציג רבנים פון אלע טהיילען פון אמעריקא זענען געקומען צו דער קאנפערענץ.

די ערשטע זיצונג האט זיך געעפענט מיט א תפלה פאר'ן וואהל זיין פון די פעראייניגטע שטאאטען. עס איז אויך אנגענומען געווארען א רעזאלוציע אין וועלכער עס ווערד אויסגעדריקט לאיאליטעט צו אמעריקא.

א רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען צו דאנקען ענגלאנד פאר איהר דעקלאראציע בנוגע א אידישער היים אין פאלעסטינא.

עס איז אויך אנגענומען געווארען א רעזאלוציע אויפצופאדערען אמעריקא זי זאל שטיצען דעם ציוניזם.

די קאנפערענץ האט אויך בעשלאסען ארויסצולאזען אן אויפרוף צו אלע ארטהאדאקסישע אידען זיך אנצושליסען אן דער ציוניסטישער פארטיי.

צווישען די פערשיעדענע באגריסונגס טעלעגראמעס וועלכע זענען ערהאלטען געווארען זענען אויך געווען באגריסונגען פון עקס פרעזידענט טאפט, דזשייקאב שיף און ספיקער קלארק.

די קאנפערענץ וועט נאך האבען צוויי זיצונגען.

# פרעזידענט ווילסאן פאדערט פונ'ם קאנגרעס צו ערקלעהרען קריעג עסטרייך

## דייטשלאנד מוז באזיעגט ווערען, זאגט פרעזידענט ווילסאן אין זיין מעסעדזש צום קאנגרעס, בולגאריען און טערקיי זענען ניט מעהר ווי ווערקצייג אין די הענט פון דייטשלאנד

## קיין פריעדען מיט דער יעצטיגער דייטשער רעגירונג

וואשינגטאן, דעצ., 4.

סענאטאר מארטין דער פיהרער פון דער מאיאריטעט אין סענאט האט היינט ערקלעהרט גלייך נאכדעם ווי פרעזידענט ווילסאן איז געווען פארטיג מיט זיין מעסעדזש צום קאנגרעס, אז דער סענאט וועט ניט שפעטער ווי פרייטאג אנגעהמען א רעזאלוציע צו ערקלעהרען קריעג עסטרייך.

וואשינגטאן, דעצ., 4.

אין זיין מעסעדזש צום קאנגרעס וועלכער האט זיך היינט פארזאמעלט האט פרעזידענט ווילסאן רעקאמענדירט גלייך צו ערקלעהרען קריעג עסטרייך, ער האט אבער ניט רעקאמענדירט דערווייל צו ערקלעהרען קריעג טערקיי און בולגאריען.

ערקלעהרען גלייך קריעג עסטרייך, איז נויטיג האט דער פרעזידענט געזאגט צוליעב אמעריקאס צוועקען אינ'ם יעצטיגען קריעג געגען דייטשלאנד.

די זעלבע לאגישע אורזאכען וואלטען געוויס געפיהרט דערצו צו ערקלעהרען קריעג בולגאריען און טערקיי, אבער דערווייל שטעהן זיי נאך ניט אין אונזער וועג צו פארניכטען די פרייסישע אוטאקראטיע.

דער פרעזידענט האט אויך ערקלעהרט אז גארנישט וועט ניט בעוועגען די פעראייניגטע שטאאטען צו נעהמען אן אנדער שטעלונג אין דער יעצטיגער מלחמה, ביז די מלחמה וועט פאלשטענדיג געוואונען ווערען און דייטשלאנד וועט באזיעגט ווערען. עס קענען ניט זיין קיינע פראגען וועגען פריעדען.

פריעדען האט דער פרעזידענט געזאגט קען קומען נאר דאן ווען דאס דייטשע פאלק וועט עס מאכען דורך פאראנטווארטליכע הערשער, צו וועלכע די וועלט וועט קענען האבען צוטרויען און ווען דייטשלאנד וועט זיך צוריקציהען פון דער טעריטאריע וועלכע זי האט פערנומען מיט דער קראפט פון שווערד.

דעם פרעזידענטס מעסעדזש צום קאנגרעס איז געהאלטען געווארען פאר אזא וויכטיגען דאקומענט אז איידער ער האט דעם מעסעדזש געלעזען איז ער פאנאנדער געשיקט געווארען איבער דער גאנצער וועלט.

צווישען אנדערש האט דער פרעזידענט געזאגט:

איך וועל ניט ריידען וועגען די אורזאכען וועלכע האבען געפיהרט צו דער יעצטיגער מלחמה. די אונרעכטען וועלכע זענען בעגאנגען געווארען פון דער יעצטיגער דייטשער רעגירונג געגען די פעראייניגטע שטאאטען איז גוט בעקאנט צו יעדער בירגער, אבער איך פערלאנג פון אייך איהר זאלט ערנסט בעטראכטען אונזערע צוועקען און די מיטלען וועלכע דארפען אנגענומען ווערען.

עס איז יעצט ניטא קיין צייט און עס איז דא ניט דער פלאץ צו דיסקוטירען יעצט מוזען אנגענומען ווערען מיטלען.

אונזער ציעל פארשטעהט זיך, איז צו געווינען די מלחמה און מיר טהארען זיך פאר קיין זאך ניט אבשטעלען דעם צוועק צו דערגרייכען, אבער עס איז ווערטה צו בעטראכטען ווען און אונטער וועלכע אומשטענדען וועלען מיר בעטראכטען די מלחמה אלס א געוואונענע?

מיר זענען די וועלכע דריקען אויס די מיינונג פונ'ם אמעריקאנער פאלק און דאס פאלק האט דאס רעכט צו וויסען אויב זייערע צוועקען זענען אויך אונזערע.

דאס פאלק פערלאנגט פריעדען דורך אבשאפען דאס שלעכטע, דורך איין מאהל פאר אלע מאהל באזיעגען די שלעכטע מאכט וועלכע האט געשטעלט דעם וועלט פריעדען און וועלכע דערלאזען ניט צו א דויערנהאפטען פריעדען.

### ער רעדט אינ'ם נאמען פון דער נאציאן.

איך גלויב אז איך רייד פאר דער גאנצער נאציאן ווען איך זאג די פאלגענדע צוויי זאכען: ערשטענס אז די מאכט וועלכע רעגירט יעצט דייטשלאנד און וועלכע מיר זעהען אזוי קלאהר מוז פארניכטעט ווערען און אויב ניט אין גאנצען איז באטש מאכען זי אונשעדליך און די צייט צו ריידען וועגען פריעדען וועט קומען, ווען דאס דייטשע פאלק וועט האבען פארשטעהער וועלכע מען קען גלויבען, וועלען מיר זיין צופריעדען צו צאהלען דעם פולען פרייז פון פריעדען, און דעם פרייז ווייסען מיר, דאס איז גערעכטיגקייט צו אלע נאציאנען אויף יעדען פונקט, גערעכטיגקייט צו אלעמען אהן אונטערשייד פיינד אדער פריינד.

דער פרעזידענט ערקלעהרט דאן אז דייטשלאנד מוז בעזיעגט ווערען און גיט אן די אורזאכען פאר דעם. ער גיט אן איבערבליק איבער דעם גאנצען גאנג פון דער מלחמה און ווייזט ווי אזוי דייטשלאנד האט געבראכט די מלחמה. ער מאכט אבער אויפמערקזאם אויף דעם דאס איין שלעכטע זאך קען ניט פערריכט ווערען מיט א צווייטער שלעכטער זאך און דאס איז אז דייטשלאנדס שלעכטע מעשים קענען נאר בעצאהלט ווערען מיט עהרליכע מיטלען.

דער פרעזידענט האט אויך אויפמערקזאם געמאכט אויף דער לאגע אין רוסלאנד און האט געזאגט אז פאר'ן יעצטיגען צושטאנד אין רוסלאנד איז אויך דייטשלאנד שולדיג, זי האט דאס גאנצע לאנד מיט פאלשקייט פערשפרייט און ווען די רוסען וואלטען דעם אמת וועגען דייטשלאנד געוואוסט וואלטען זיי יעצט פונקט אזוי גוט געקעמפט ווי אלע אנדערע נאציאנען פון די עלליים.

דעם פרעזידענטס רעדע איז זעהר ווארים אויפגענומען געווארען, און ווי די פיהרער פון סענאט און קאנגרעס האבען ערקלעהרט וועט יעדער רעקאמענדאציע פונ'ם פרעזידענט אנגענומען ווערען.

## דייטשע מאכען מאנעווערס אויפ'ן איטאליענישען פראנט

וויילען דערמיט אבציהען די אויפמערקזאמקייט פון די איטאליענער.

איטאליענישע הויפט קווארטיר אין צפון איטאליען, דעצ., 4.

דעם שונא'ס אקטיוויטעט אויפ'ן איטאליענישען פראנט האט אנגענומען די פארמע פון אן ארטילעריע דעמאנסטראציע, וועלכע ווערט נאכגעפאלגט פון אינפאנטעריע.

דער פייער פון דער ארטילעריע איז ניט קיין גאנץ שטארקער און די אינפאנטעריע אוואנסירט ניט אויך, מען זעהט אז דאס זענען ניט מעהר ווי כלומרש'טע מאנעווערס און ווי עס ווייזט אויס ווילען דערמיט די דייטשען אבציהען די אויפמערקזאמקייט פון די איטאליענער פון אנדערע פונקטען וואו די דייטשען פארבערייטען אן אטאקע, אדער זיי זוכען דערמיט ערגעץ א שוואכען פונקט אויף דער פיאווע ליניע.

אויף דער פיאווע ליניע זענען די דייטשען אויך ניט אזוי טהעטיג ווי זיי זענען עס געווען פריהער.

די ענגלישע פראנצויזישע און איטאליענישע ארמייען היטען אבער גאנץ גוט יעדע דייטשע בעוועגונג און פאר די דייטשען וועט ווייטער זיין אונמעגליך צו מאכען א פלוצלינגע אטאקע.

## ענגלענדער אטאקירען טערקען ארום ירושלים

קומען אין צוזאמענשטויס מיט סאלדאטען פון ירושלים'ער גארניזאן.

לאנדאן דעצ., 4.

דער פאלגענדער אפיציעלער בעריכט איז ערהאלטען געווארען פון גענעראל אלענבי וועלכער איז דער קאמאנדיר פון די ענגלישע ארמייען אין פאלעסטינא. דער בעריכט זאגט:

די לאגע אין אלגעמיין אויפ'ן פאלעסטינאר פראנט האט זיך ניט געענדערט אין איינע געגענדען ארום ירושלים זענען פארגעקומען קלענערע אטאקעס אין וועלכע די ענגלענדער האבען פערנומען איניגע טערקישע געפאנגענע.

אויף איניגע פונקטען האבען די ענגלענדער אטאקירט טערקישע סאלדאטען פונ'ם ירושלים'ער גארניזאן און זיי צוריק געשטויסען ווייטער איבער זייער ליניע.

אונזערע לופט פליהער זאגט אויך דער בעריכט האבען גאנץ ערפאלגרייך באמבארדירט טערקישע פאזיציעס און קאמיוניקאציאנס ליניעס.

עס ווערט ערווארטעט אז גאר אין גיכען וועט קומען צו א גרויסער שלאכט ארום די טויערען פון ירושלים. אלענבי פאלס די פארבערייטונגען פון ביידע צדדים ווייזט אויף דעם.

שיקט געלד
— דורך —
מר. ה. וויינבערג
פרעזידענט פון אידישען זשורנאל.
לויט'ן טאגעס קורס

# אין נעץ פון ווייסער שקלאפעריי

## א ראמאן פון דעם אידישען ארבייטער לעבען אין אמעריקא

פון אלבערט עדווארדס (אידיש פון יוסף קלינגער)

(62־טע פארזעצונג)

בשעת'ן שרייבען האט מאקע יעטא געטראכט דאס די אלע וועלכע וועלען דאס לעזען זענען דאך אויך ארבייטער מיידלאך, אדער זענען אמאהל געווען ארבייטער מיידלאך און זי האט זיך זיי אלע מען פארגעשטעלט זיצענדיג אין איין גרויסען זאל און זי האלט פאר זיי א רעדע, שילדערענדיג פאר זיי די ליידען פון אט דער דאזיגער מיידעל, און זיא האט זיך מאקע באנוצט מיט איהר גאנצע ערפאהרונג אלס רעדנערין. אויסער דעם האט דאך מאקע מר. ברעיס אויסדריקליך איהר אנגעזאגט צו שרייבען פונקט ווי זי וואלט געהאלטען ערגעץ א רעדע.

פיער טעג שפעטער האט זי אוועקגעשיקט דריי סקיצען צו מר. ברעיס. נאך פיער און צוואנציג שטונדען ווארטען מיט דער גרעסטער אונגעדולד האט יעטא ערהאלטען א בריעף פון מר. ברעיס, איינלאדענדיג זי אויף צו האבען א שמועס מיט איהר.

אריינקומענדיג אין דעם אפיס פון דער „סטאר" האט זי צופעליג קיינער ניט בעמערקט, און יעטא האט זיך אנגעהויבען פיהלען זעהר שלעכט. איהרע ערצעהלונגען וועלכע האבען אין איהרע אויגען אויסגעקוקט צו זיין גאנץ גוט בשעת'ן אוועקשיקען האבען איצט אנגעהויבען צו פארלירען א סך פון זייער ווערטה, און איהר האט אנגעהויבען שטארק באנג צו טהאן נאכוואס זי האט די ערצעהלונגען געשריבען, און די פאאר מינוטען וואס איהר איז אויסגעקומען צו זיצען אויף דער לאנגער באנק, וואס איז געשטאנען נעבען דער טיהר פון מר. ברעיס'עס אפיס האט זי שטארק חרטה געהאט, נאכוואס זי האט איהם געשיקט די ערצעהלונגען.

אויף דער זעלבינער באנק זענען געזעסען פאר איהר נאך דריי מענשען און האבען געווארט אויף מר ברעיס'ן. איינע איז געווען א פרוי וועלכע האט אויסגעקוקט ווי אן אקטריסע. דער אנדערער איז געווען א גרייז גרויער מאן מיט א לאנגער בארד ביז צום גארטעל, וועלכער האט געהאלטען אויף'ן שויס א גאנץ שווערען מאנוסקריפט און האט איהם שטארק געהיט. נאך איהם איז געזעסען א יונגער גלח.

באלד איז מר ברעיס ארויסגעקומען פיהרענדיג אונטערן ארעם א יונגען מאן וועלכער האט אויסגעקוקט צו זיין אן ענטוישטער פאעט און האט אויסגערופען „פריילין ראיעפסקי" פארענטפערענדיג זיך פאר די אנדערע דריי, אז זי איז נאך בעשטעלט פון נעכטען.

צוריקענדיג א בעקוועמען שטוהל נעבען זיין שרייב טיש האט ער זי געבעטען זיצען, דערנאך האט ער ארויסגענומען א בלויען פעדער מיט איהרע דריי ערצעהלונגען און האט אנגעפאנגען צו האלטען פאר איהר א לעקציע, איבער די הלכות פון א צייטונג.

„ערשטענס דארפט איהר וויסען", האט מר ברעיס אנגעפאנגען דאס אין דעם דאזיגען „מאגאזין פיידזש" רעכענען מיר צעהן סענט א ווארט צו די אדווערטייזערס" און אויסשטרייכענדיג איינעם א זאץ פון איהרע ערצעהלונגען.

„איהר זעהט אט דער זאץ וואלט זי בער קיינעם ניט אריינגעבראכט דיא ווערטה פון א דאלאר מיט א האלבען."

נאך א פאאר מינוטען אויסהערענדיג די לעקציע האט זיך יעטא'ן אויסגעדוכט דאס איהר גאנצע ערצעהלונג וועט באלד בעשטעהן פון בלויזע בלויע צייכענס, אבער דאס מערקווירדיגסטע וואס יעטא האט ניט געקענט פערשטעהן איז געווען די פרעהליכע מינע און צופריעדענהייט וואס איז געלעגען אויף מר ברעיס'עס פנים, בשעת ער האט געמאכט די דאזיגע בלויע צייכענס וועלכע האבען איהר געשניטען זוי מיט שטומפיגע מעסערס אין הארצען. ווען ער איז פארטיג געווארען האט ער מיט נאך א מעהר צופריעדענערען שמייכעל א זאג געטהאן צו איהר: „איהר זעהט איך האב ארויסגעווארפען פאר פינף און צוואנציג דאלאר אונטערשלאג" און יענעם מאמענט האט יעטא שיער ניט ארויסגעשאסען מיט א ביטערען געוויין.

„איך האף אז מיר וועלען קאנען קריגען פון אייך נאך א פאר ערצעהלונגען אין גיכען" האט מר. ברעיס צו איהר געזאגט, אהן שום הקדמות דערלאנגענדיג איהר אין דערזעלבער צייט א טשעק אויף פינף און זיבעציג דאלאר.

ביז יענעם טאג האט נאך יעטא אין איהר לעבען ניט געהאט אזוי פיעל געלד אויף איין מאהל, אבער עס איז ניט געווען דאס געלד וועגען וועלכען זי האט געטראכט. דער געדאנק אז נאך איין זאל בינען נאכמיטאג וועט זי זעהען איהר ערשטע ערצעהלונג אבגעדרוקט האט ביי איהר דערגרייכט אזא שטופע דאס זי האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן מיט זיך.

די ערשטע זאך איז איהר געפאלען אויף'ן געדאנק אוועקצושיקען די ערשטע אבגעדרוקטע ערצעהלונג צו וואלטערען און בעווייזען איהם מיט א ממשות'דיגען פאקט דאס זי האט אויסגעפאלגט אלעם געניי ווי ער האט איהר אנגעזאגט, א בעווייז, דא סאט האט זי דאך שוין דערגרייכט אזוי ווייט ביז צו שרייבען אפילו פאר די צייטונגען.

איבערלעזענדיג איהר ערצעהלונג נאכאמאהל א געדרוקטע האט זי פארלוירען א ביסעל פון איהר שטאלץ, זי האט איינגעזעהען דאס די אהן רחמנות'דיגע בלויע צייכענס פון מר ברעיס האבען צו געגעבען איהר ערצעהלונג זעהר פיעל חן און שטארקען איינטערעס.

מיט א פאר טעג שפעטער האט מר. ברעיס אליין איהר אנגעבאטען א יאהריגען קאנטראקט מיט א גאנץ גרויסען געהאלט צו זיין דער רעדאקטאר פון א נייער אבטהיילונג אין זייער צייטונג וועלכע זיי ווילען עפענען בלויז צוליעב איהר. די אבטהיילונג וועט הייסען „די זארגען פון ארבייטער מיידלאך".

מייבעל איז אזש געווען אין זיבעטען הימעל פאר פרייד. זי האט אין דעם געזעהען א מעגליכקייט פאר יעטא'ן צו אגיטירען זעהר פיעל פאר איהר ארגאניזאציאנס ארבייט, ווארום די „סטאר" האט געהאט מעהר פון א מיליאן לעזער, און יעטא האט קיינמאהל אין לעבען ניט געקענט רעדען אויף איינמאהל צו אזוי פיעל מענשען.

אבער ווען איזידאר ברוין האט דערזעהען אויף דער גאנצער איסט סייד אויסגעקלעבט די גאנץ גרויסע פלאקארטען מיט די גרעסטע בוכשטאבען דאס יעטא ראיעפסקי וועט פון היינט אן און ווייטער שרייבען יעדען טאג אויסשליסליך פאר דער „איווינג סטאר" איז ער געווארען אן אויפגעקאכטער. אזא ניט פער אנטווארטליכער זשורנאליזם ווי מר קארנערס האט אין זיינע אויגען אויסגעקוקט צו זיין דער גרעסטער פארברעכען. ער האט קוים געגלויבט אז דאס איז אן אמת. ער איז געווארען אזוי אויפגערעגט דאס איז גלייך אוועקגעלאפען צו יעטאן און ער האט פארגעסען אין זיין ביישנות און הויז אריין.

אריינקומענדיג צו איהר אין צימער האט זי איהם אויסגעקוקט צו זיין נאך שעהנער און מיט מעהר רייץ ווי ער האט זי ווען עס איז געזעהען פריהער, און פארגעסענדיג אלע זיינע אויסגעטראכטע ארגומענטען וואס ער האט זיך אנגעגרייט צו געבען איהר האט ער פלוצלונג ארויסגעשריען:

„אה יעטא, איז דאס ווירקליך אמת דאס איהר האט איינגעשטימט צו שרייבען אין אזא שמוציגער צייטונג?"

„זיי האבען מיר אנגעבאטען דיא ערלויבניש איינצופיהרען אן אבטהיילונג פון ארבייטער מיידלאך, און איך האב דאס אנגענומען", האט יעטא געענטפערט איגנארירענדיג זיין גאנצען כעס.

„אבער איהר ווייסט דאך, אז דאס איז א שמוציגע צייטונג" האט ער זיך געהאלטען ביי דאס זייניגע, "שמוציג אין אלע הינזיכטען, סיי די נייעס, סיי דיא פאליטישע זייט און אפילו די אדווערטייזמענטס זענען שמוציג. די דאזיגע געלע צייטונגען זענען דער גרעסטער שונא פונ'ם סאציאליזם, זיי פארפיהרען דאס פאלק. זיי קריגען בעצאהלט דערפאר. אלע רעדאקטארען זיינען פערקויפטע נשמות אבער מר. קארנער איז דער ערגסטער פון זיי אלעמען."

„איך האב גאר ניט צוטהאן מיט זייערע נייעס, און נאך ווענינער מיט זייערע אדווערטייזמענטס און אפילו ניט מיט מר קארנערס פאליטישע ענינים — איך האב פאר די לעצטע צוויי יאהר געהאלטען אין שטענדיגען רעדען צו ארבטער מיידלאך מיט אלע מיינע כחות. פלוצלונג האב איך געקראגען א געלעגענהייט צו רעדען נאך העכער, אזוי אז מיין שטימע זאל קאנען דערגרייכען צו טויזענדער מיידלאך אויף אמאהל, און איהר פערלאנגט פון מיר איך זאל מיך אבזאגען פון אזא גוטער געלעגענהייט. דאס קומט מיר אויס פונקט ווי איך וואלט ניט געוואלט רעדען אויף איינער פון די איסט סייד פערזאמלונגען נאר דערפאר ווייל אין זעלבען האל איז פארן מיטינג געהאלטען געווארען א באל פון אויסגעלאסענע מיידלאך."

(פארזעצונג קומט)

וועו איהר געהט צו דער ארבייט בעזארגט
איהר אייך מיט עסען

פאר וואס זיך אויך ניט באזארגען
מיט א צייטונג

פאר וואס זאלט איהר ניט וויסען דעם זעלבען טאג וואס עס האט געכטען פאסירט אין אייער שטאדט, אין און ארום אייך, וואס עס האט פאסירט אויפ'ן שלאכט פעלד, וואס עס הערט זיך אין אייער אלטער היים, וואס עס טהוט אייער פריינד און בעקאנטער אין א צווייטער שטאדט לעבען אייך. פאר וואס ניט וויסען וואס עס טהוט זיך אין אייער סביבה, וואס עס האט פאסירט אין אייער ארגאניזאציע, סאסייטי, ווי עס האלט מיט כלל ארבייט, ארבייטער פראגען און אזוי ווייטער

איהר קענט אבער דאס אלעס וויסען, ווען מעפאר איהר געהט צו דער ארבייט קויפט איהר דעם

אידישען זשורנאל

א צייטונג וועלכע האט די וויכטיגסטע פאסירונגען אין זעלבען טאג.

„דער אידישער זשורנאל"
געפינט זיך היינט צו פארקויפען 6.30 יעדען פריה מארגען אין פאלגענדע פלעצער

ל. זילענקא — 840 דאנדעס וועסט. (געוועזע ארטור סט.)
דווארקין בראדערס עליזאבעט און דאנדעס סט.
הערמאן 167 סט. פעטריק
יודקין — 465 קווין סט. וועסט
מארפעלד — 867 קווין וועסט
זאקהיים — 89 אסינגטאן עוו.
קרעמער — 277 מענינג עוו.
מארקטאני — 804 דאנדעס וועסט (געוועזע ארטור)
פערעלמוטער 226½ מארקהאם
פאלטי — 696 דאנדעס וועסט
גרענט — 126 דעניסאן עוו.
פרידמאן — 48 קענזינגטאן עוו.
הימעל — 78 קענזינגטאן עוו.

האפמאן — 339 ספעדיינא עוו.
סאסקין — 132 ניעססע
קופער — 103 בראנזוויק עוו
מארין 1 מיטשעל עוו.
גודמאן — קארנער לואיזע און טשעסנאט
מארקאוויטש — 60 טעראלי
דרוגמאן קארנער עגנעס און טעראלי (יעצט 100 דאנדעס סט. וו.)
לעווינזאן 176 טעראלי
גאלדשטיין — 29 דזשעראַרד
שולאקער — 176 אנטאריא
פרענקעל 380 קווין איסט
מ. גינזבערג 276 ספעדיינא עוו.
וואלערשטיין 332 ספעדיינא עוו
לימאוויטש 119 פארטלאנד

„דער אידישער זשורנאל" ניט אב פיעל פלאץ פאר לאקאלע פאסירונגען און וועלכע איהר זענט געוויס פאראינטערעסירט און טאקע דערפאר קויפט א צייטונג בעפאהר איהר געהט צו דער ארבייט

סטארס וועלכע ווילען האבען דעליווערט דעם זשורנאל זאלען זיך מעלדען דורכן טעלעפאן אד. 3967 אדער דורך א פאסט קארד און אונזער פארטרעטער וועט זיך מיט זיי דורכריידען.

צירקולייש[illegible] מענעדזשמענט
פון דעם אידישען זשורנאל.

## בריעף קאסטען

ב. א לעווין

מיר וועלען אייך אויף אייער פראגע ניט ענטפערען, די אורזאכע קענט איהר אליין פערשטעהן.

עס וועלען ניט געדרוקט זיין פאלגענדע זאכען:

א טויט פון א בעשעפעניס, בעלגיען, א טרייסט, צו א אידישע טאכטער, ס'איז די וועלט, כ'דארף קיין פאלאצען.

THE

## Hospital for Sick Children

College St, Toronto

## ITS CHRISTMAS MESSAGE

Dear Mr. Editor:—

Thanks for your kindness in allowing me the privilege of appealing to your readers this Christmas time on behalf of the Hospital for Sick Children, the "Sweetest of all Charities," which has as its mission the care of the helpless, the sick, the crippled and the deformed.

There never was a year in the history of the Hospital when funds to carry on the work were more needed than now.

Your purse is the Hospital's Hope. Your money lights the candles of mercy on the Christmas trees of health that the Hospital plants along the troubled roadway of many a little life.

So I am asking you for aid, for the open purse of the Hospital's friend is the hope of the Hospital at Christmas, just as the open door of the Hospital's mercy is the hope of the little children throughout the year.

Calls on generous hearts are many in these times. Calls on the Hospital are many at all times, and especially when food and fuel and drugs and service costs are soaring high. YOU know the high cost of living. Do you know the high cost of healing—of helping the helpless to happiness? What you do to assist is the best investment you will ever make.

Do you realize what this charity is doing for sick children, not only of Toronto, but for all Ontario, for out of a total of 3,740 in-patients last year 646 came from 254 places outside of Toronto. The field of the Hospital's service covers the entire Province—from the Ottawa to the far-off Kenora—from the borders of the Great Lakes to the farthest northerly district.

The Hospital is doing a marvellous work. If you could see the children with crippled limbs, club feet, and other deformities, who have left the Hospital with straightened limbs and perfect correction, your response to our appeal would be instant. In the Orthopedic Departments last year a total of 330 in-patients were treated; and in the Out-Patient Department there were 1,946 attendances.

Let your money and the Hospital's mercy lift the burden of misery that curses the lives, cripples the limbs and saddens the mothers of the suffering little children.

Money mobilizes the powers of help and healing for the Hospital's drive day and night against the trenches where disease and pain and death assail the lives of the little ones.

Remember that every dollar given to the Hospital is a dollar subscribed to the Liberty Loan that opens the prisons of pain and the Bastilles of disease, and sets little children free to breathe the pure air, and to rejoice in the mercy of God's sunlight.

Will you send a dollar, or more if you can, to Douglas Davidson, Secretary-Treasurer, or—

J. ROSS ROBERTSON,
Chairman of the Board of Trustees.

אברהם קאהען
בארריסטער
נאטארי פאבליק
קאמישאנער פיר נעהמען אפידייוויטס
Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET
Main 2684
Residence 7 Salem Ave. JUNCTION 1845

פאקטאר און שולמאן
בארריסטערס, סאליסיטארס
לאא אפיס
וועולי בילדינג, 299 קווין סט. וועסט
קארנער קווין און דזשאן סט.
טאראנטא.
טעלעפאן אדעל. 8157

אינוואוינער פון יוקליד עוו.

פון היינט אן און ווייטער דארפט איהר ניט ווארטען ביז דער פעדלער דערלאנגט אייך דעם "אידישען זשורנאל" איהר קענט איהם באקומען יעדען פריה מארגען אין 62 יוקליד עוו. ביי מר. וואולף, באשטעלט דארט א צייטונג פאר אייך.

בלויז חזן וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג
אלס מוהל
און אלס מסדר קדושין

אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס צונעמען אין אנבעטראכט ווייל דאס איז אין זייער איינענעם בענעפיט. קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען אויף זייערע שמחות.

וואהנונג 62 בראנזוויק עווענין, און טעלעפאן קאלעדזש 1076.

פיר ארימע אומזאנסט.

חזן מאנאוויטש

מוהל ומסדר קידושין

דארף זיך ניט ריהמען, אלע וויסען, אז ער איז א קינסטלער.

קאנטרי לייט קענען מיר אויף אר רופען, אדרעס 233 בעווערלי סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 2033.

ווארום ניט פאטראנייזע
חזן קאפלאן

חזן קאפלאן דארף פאטראנייזט ווערען פון אלע אידען יעדער וויס ווארום, פאטראנייזען חזן קאפלאן מיינט דאס איהר טהוט אייער מענשליכע פליכט צום ריכטיגען פערזאן וועלכער האט עס פעררדיענט אין די לעצטע 11 יאהר אין טאראנטא.

חזן קאפלאן מוהל ומסדר קדושין 73 בראנזוויק עוועניו. טעלעפאן קאלעדזש 4149 אפיס טעלעפאן עדעלייד 239.

שעכטער'ס

סטאר איז דער איינציגער פלאץ, וואו אלע אידען, האמילטאנער און פרעמדע קומען זיך צוזאמען. ס'איז א פלאץ וואו א יעדער איד (אדער פרוי) צו יעדער צייט בעקומט די בעסטע אויסקינפטע וואס איז איהם (אדער איהר) נוגע.

שעכטער איז דער איינציגער אין האמילטאן וואס קען צו יעדער צייט ארויסגעבען סיטיזען פייפערס, מעריעדזש לייסענס, נויטווענדיגע דאקומענטען, אויסשווערען אפידייוויטס, שאפען פאספארטען א. ז. וו.

שעכטערס סטאר איז דער איינציגער פלאץ אין האמילטאן וואו צו בעקומען אידישע צייטונגען און זשורנאלען, א גרויסען אויסוואהל פון נאציאנאלע און רעליגיעזע ארטיקלען ווי: סדורים, מזוזות, טליתים, ציצית, מוזיק נאטען, ראמאנען, ביכער צו לעזען ביי דער וואך א. ד. ג. אויך א אפ־טו־דייט סטאק פון דריי גודס, און מענס פוירנישינגס. סטאר אפען יעדען אווענד.

געדענקט דעם אדרעס: שעכטער, קארנער יארק און פארק. טעלעפאן 5416 איין בלאק פון סיטי האל.

James L. SHEKTER
Justice of the Peace, Issuer of Marriage Licenses and Citizens Papers

צו פערענטען

וויכטיג פאר שוחטים
א טשיקען שלאכטהויז צו פערענטען פרעגען 129 פאלמערסטאן עוו.
12463—12—6)

צו פארדינגען 3 רומס מיט אלע קאנוויניעס מיט בעהייצונג און גאז פאר $14 א מאנאט פרעגען 22 וואנאלע סט.
12434—12—6

איך פערלאנג א פלאץ פאר הויז ארבייט עס זאל זיין איין גוטע היים פאר מיר. נאכפרעגען מיסעס גרין 139 וויליאם סטריט אין ריער.
12460—12—6)

פערלאנגט א מאן, וואס פערשטעהט ארומצוגעהן ביי סטיעם באילערס, מוז זיין ערפאהרען און א פאכמאן ביי דער ארבייט. נאכפרעגען ביי נעלבער בראס. 27 ריטשמאנד סט. וועסט.
21455—5—12)

פערלאנגט א מאן אדער פרוי אלס פינאנציעלער סעקרעטער אין דער שניידער יוניאן מוז קענען אויך די ענגלישע שפראך זיך ווענדען שריפטליך 369½ קווין סט. וועסט.
12454—12—6)

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט אפרוי צו אטענדען א יונגע פאר פאלג נאכפרעגען 17 קענזינקטאן עוו. מרס. פייפוש.
4803732

א מאן פון מיטעלע יאהרען אהן קינדער זוכט אן אנשטענדיגע פרוי אויך אהן קינדער, צוועק חתונה האבען. נאכפרעגען זיך „זשורנאל" באקס 607.
12462—12—11)

פערלאנגט סאווינג מאשין אפרייטערס פאר מילינערי העט לייגינגס. פרעגען קענעדיען באנדאו 41 ספרוס סט.
12464—12—7)

פערלאנגט א קאטער צו מענער ארבייט מוז האבען פיעל עקספיריענס אין קאסטאם ארבייט, אויך אין סטאר. א סטעדי פליים פאר'ן ריכטיגען מאן. קיין אנדערער זאל זיך ניט מעלדען. פרעגען 984 קווין וועסט.
12467—12—6)

פערלאנגט שטרוי אפרייטערס ביי ליידים העטס. פרעגען קופער קעפ קא. ספעדאנע און גרענדוש.
68—12—7)

ביזנעס צו קויפען און צו פערקויפען

צו פערקויפען א סעקאנד הענד סטאר פון קלאדינג אורזאכע קען ניט אטענדען. צו פרעגען 203 דאנדעס סט. וועסט.
12465—12—11)

צו פארקויפען א סטאר פון קלאדינג דריינגודס און שיך, אין א שטאדט פון צעהן טויזענד באפעלקערונג, ניט ווייט פון טאראנטא זעהר א גוטע געהענדיגע ביזנעס. נאך מעהר איינצעלהייטען זיך מעלדען 63 דזשיראַרד סט. וועסט נאך זעקס א זייגער אין אווענד.
30—12—10)

וויכטיג פאר קאנטרי, סעקאנד הענד סטאר.
א סטאק בעשטעהענד פון 50 סוטס, 40 סינגעל קאוטס און אווער קאוטס אויך ניט קיין געפיקסטען סטאק ווערט פארקויפט פאר איין צימליך ביליגען פרייז נאכפרעגען נ. עטקין 10 קווינסטאן סט. סיינט קאטהערינס אנט.
124151—12—6

אויפמערקזאם!
שוין א לאנגע צייט אז ס'געפינט זיך 150 דאלאר פאר מרס. ווינסקי, זי זאל עס ערהאלטען, אלזא, ווער ס'ווייסט פון איהר וואו זי געפינט זיך זאל מען איהר מעלדען, אדער געבען צו וויסען איהר אדרעס אין „זשורנאל" באקס 565
12439—12—5)

ביזנעס שאנסען

רייזערס צו פיקסען
רייזאר קלינגלאך געשארפט פון עקספערטען 1 גיללעט, 35 סענט א דאזען עווער רעדי 25 סענט. שיקט צו אלבערט קיען עידוש קאמפאניע 180 באטהורסט סטריט טאראנטא, טעלעפאן ארעלייד 153.
11448—1—1

איך פיקס פוירניס און מאך סטאוו פייפס און פוירניס פייפס צו די ביליגסטע פרייזען. ב. שערמאן פלאמבער און בלעכער 527 קווין סט. וועסט טעל. עדלייד 2055
11809 12 12

איך פייפער און פיינט מיט די בעסטע פיינט און שעהנסטע פייפער צו די ביליגסטע פרייזען און גאראנטיר צופריעדענהייט.
סעם קאטץ 56 אגוסטא עווניו.
טעלעפאן קאלעדזש 6642.
12364—20—12

מיר פיקסען גרעוועל דעכער און נייע אויך פיקסען מיר פארניס און אלע בלעכער ארבייט אלעס איז גאראנטירט מיט ביליגע פרייזען 1160 דאנדעס וועסט קארנער אססינגטאן עוו. טעל. קאלעדזש 2096 ווייגטרויב און בלום.
12342—12—18

שפארט
איין אזא פולען לעפעל

פיער און אכט פינף פולע לעפעל פון געוועהנליכע טהעע גיבען ניט ארויס מעהר ווי דריי פון רעד ראז טהעע.

מען דארף וויינגער רעד ראז טהעע דערפאר ווייל עס בעשטעהט הויפטזעכליך פון רייכער, שטארקער פולען־פלייווארי אסאם טהעע.

געברויכט רעד ראז טהעע און שפארט איין אן עקסטרא לעפעל.

ווערט גוט געהאלטען ווייל עס איז אין פארזיגעלטע פעקלאך

RED ROSE TEA is good tea

637

# אויף דער טאראנטאר אידישער גאס

### קלאוק מאכער יוניאן אינסטאלירט איהרע בעאמטע.

צום ערשטען מאהל זינט די קלאוק מאכער יוניאן עקזיסטירט האט זי דורכגעפיהרט די צערעמאניע פון אינסטאליריע בעאמטע, און זיי מאכען פעראנטווארטליך פאר דער ארבייט וואס זיי נעהמען אונטער צו טהאן צום גונסטען דער יוניאן.

דער אינסטאליישאן איז ניט געווען בלויז פאר די יוניאן בעאמטע פון דער קלאוק מאכער יוניאן זעלבסט. נאר אויך פאר די דזשאינט באארד בעאמטע, וועלכע ווערען ערוועהלט פון די בעזונדערע לאקאלס און שטעלען צוזאמען די. דזש. באארד, צו פערהאנדלען אלגעמיינע פראגען צום גונסטען אלעמען, און האבען א שיכות מיט אלע לאקאלס צוזאמען.

די פערזאמלונג איז געציעלט געווארען אויך זיך דורכצורידען מיט די יוניאן מיטגליעדער וועגען פערשיעדענע פראבלעמען און פראגען וועלכע קומען פאר אין ארבייטער לעבען, וועגען דעם קעמפיין פון די סקוירט און דרעס ארבייטער פאר העכערע פרייזען, אונטער די יעצטיגע אומשטענדען, ווען די לעבענס בעדינגונגען זענען אונגעהויער גרויס, וועגען דעם פעסער לאקאל וועלכער פארערט 20 פראצענט א העכערונג און אין אלגעמיין וועגען טיכטיגערע ארבייט פון די מיטגליעדער ניט צו שטיצען זיך בלויז אויף די בעאמטע, וועלכע קענען נאר ארבייטען ווען די מיטגליעדער זענען טהעטיג.

ש. קאלדאנסקי וויים פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל איז געווען דער פרזיצענדער פון דער פערזאמלונג און צום ערעפענען די פערזאמלונג האט ער ערקלעהרט נעגני די אויפגאבען און פעראנטווארטליכקייט, וועלכע פאלגען נאך די יעניגע וועלכע נעהמען אן צו טהאן ארבייט פארן כלל, בפרט פאר ארבייטער אינטערעסען, וועלכע דארפען קאפיטאל קעמפען צו דערגרייכען דאס וואס עס קומט יעדען פאר זיין ארבייטס [illegible]

אינסטאליישאן רעדעס זענען אויך ערהאלטען געווארען פון מ. שור פארזיצענדער פון דער דזש. באארד. י. יאמאלסקי, טהאמאס בלעק דער קריסטליכער ארגאנייזער פון דער יוניאן און פון [illegible] ברהם דער ארבייטער קאנדידאט ביי די יעצטיגע פארלאמענט וואהלען.

די, פערזאמלונג מיטגליעדער, וועלכע האבען יעצט די שעהנסטע און טעכטיגסטע יוניאן, האבען אויסגעדריקט זייער צוטרויען צו די נייע ערוועהלטע בעאמטע, און פערשפראכען זייער מיטהילף צו יעדער צייט. אויך די אינסטאלירטע האבען פערשפראכען צו זיין טהעטיג און דורכצופיהרען ערפאלגרייך דאס וואס עס איז זיי איבערגעגעבען געווארען.

### די לעקציע פון א. ריינוויין ביים פערבאנד.

ווי שוין בעוואוסט האט דער ברענטש 7 פון נאציאנאלען ארבייטער פערבאנד וועלכער איז דער עלטסטער פערבאנד ברענטש אין טאראנטא, אונטערנומען צו ארגאנזשירען א סעריע לעקציעס דורך'ן ווינטער איבער צייט פראגען. פראגען וועלכע זענען אינטערעסאנט און ציהען די טעגליכע אויפמערקזאמקייט.

לעצטען זונטאג איז דער אנפאנג געמאכט געווארען, און אויב „כל התחלות קשות" איז דער אנפאנג פון ברענטש 7 ניט קיין שווערער געווען, און געצייגט אז אזעלכע לעקציעס זיינען א נויטווענדיגקייט אויף דער אידישער גאס, און פיעלע זיינען פעראינטערעסירט זיי צו הערען.

אין פועלי ציון לאקאל אונטער פארזיץ פון ה. מ. קירשענבוים, איז די ערשטע לעקציע געגעבען געווארען, איבער דער טהעמא, „די ווירקונג פון ארץ ישראל אויף'ן אידישען לעבען", אדער דער משיח געדאנק ביי אידען.

א. ריינוויין דער לעקטאר האט אנגעפאנגען זיין לעקציע מיט דער בעמערקונג דאס די לעקציע וועט בלויז זיין צוזאמענגעשטעלט פון שטיקלאך און ברעקלאך פון מאטעריאלען וועגען דער טהעמא, ווייל עס איז זעהר שווער איבער צו געבען אלעס אין איין מאהל.

אין א רייהע ציטאטען צייגט דער לעקטאר אן ווי ווייט דער ארץ ישראל געדאנק איז געווען און איז פערשפרייט צווישען אידען ברענגענדיג אויסציגע פון חומש, תלמוד, תהלים, מנהגים, תפלות, קונסט, פאלקס לידער און פאראדיעס וועלכע זיינען דורכגעוועבט מיט דער ארץ ישראל האפנונג.

אין דער צווייטער טהייל לעקציע, צייגט דער לעקטאר אן אויף די משיח בעוועגונגען וועלכע זענען די האפנונג פון דעם אידישען לעבען, און די פארזוכען וועלכע זענען געמאכט געווארען דורך די פאלשע שבתי צבי'ניקעס און פראנקיסטען צו געווינען דעם צוטרויען אלס משיחים.

די לעקציע איז מיט אויפמערקזאמקייט אויסגעהערט געווארען פון די צוהערער, וועלכע האבען נאכהער אויסגעדריקט א דאנק צום לעקטאר.

### אין ליטערארי דראמאטיקעל קלוב.

ווי דער סעקרעטער פון אויבענדערמאהנטען קלוב גיט אונז איבער, ווילען די דארטיגע מיטגליעדער צייגען אז זיי ערפילען זייער אויפגאבע און פרובירען פון צייט צו צייט דורכצופיהרען זעהר אינטערעסאנטעס ביי זייערע פערזאמלונגען.

ביי דער לעצטער פערזאמלונג איז דורכגעפיהרט געווארען א ליטערארישער פראגראם וואו עס זענען געלעזען און דעקלאמירט געווארען זאכען פון מ. ראזענפעלד ה. מייזלער, ד. ערלשטאט און שלום עליכם.

עס איז אויך בעשלאסען געווארען דאס פרייטאג דעם 28־טען דעצעמבער זאל א פארשטעלונג דורכגעפיהרט ווערען אין בראדוויי האל פון שלום עליכם'ס איינאקטער א דאקטאר, און מיט'ן שטראם פון שלום אש.

א קאמיטע איז אויך ערוועהלט געווארען איינצולאדען דעם בעוואוסטען דראמאטורג פרץ הירשביין, ווען ער וועט זיין אין טאראנטא ביי די פועלי ציון אלס לעקטשורער. דער קלוב וועט פאר איהם פארברייטען א זעהר שעהנע אויפנאהמע, בכלל האט דער קלוב גענומען אויף זיך דורכצופיהרען וואס דער נאמען זאגט.

### די ערשטע חברה קדישא סעודה

אבוואהל מיר וואוינען אין א לאנד פון אנדערע זיטען און מנהגים ווי דאס אמאליגע רוסלאנד לעבען, האבען זיך אבער אידען דערמאהנט אין חברה קדישא־סעודות ט"ו כסלו, און ניט קוקענדיג וואס פראהיבישאן איז יעצט אין שטעדטעל, אין אבער דזשאנקשאן מחוץ לתחום און אויסערען תהום מעג מען מאכען א לחיים, בפרט יעצט ווען חברה קדישא דענקען צו זיין די פיהרער אין ארץ ישראל.

שבת נאכט האבען די דזשאנקשאנער חברה קדישא אידען וועלכע זעהען אז קיין טויטער זאל חס ושלום ניט אויפשטעהן, זיך פערזאמעלט אין הויז פון יצחק הלל סעראדזקי, און געפראוועט די מלוה מלכה כדבעי, לויט דעם אלטען נוסח אבער מיט נייע מעטהאדען ווייל ביי דער מלוה מלכה איז געווען א טשערמאן אין דער פערזאן פון מר. סאקאוויטש.

רבי גארדאן וועלכער איז אויך געווען איינגעלאדען צו דער סעודה האט געהאלטען א שבת־נאכטיגע דרשה, איבער דער אויפגאבע פון „מנעסקים במת", ערקלעהרענדיג ווער און וואס א חברה קדישא איז.

מר. אריה סטאראזאמניק און מר. סעראדזקי האבען פרעהליך געמאכט מיט זמירות, מר. פאדהעלצער און מר דאמבראווסקי צוזאמען מיט רבי גארדאן האבען געזאמעלט די מטבע פאר די מלחמה ליידענדע פון רוסלאנד און ארץ ישראל.

## קרוינען און קרוינדלאך וואס ענגלישע קעניגע האבען געטראגען

די קרוין פון דער ענגלישער אימפעריע איז בעציהרט מיט מעהר ווי 3 טויזענד שטיינער.

זי האט דעם גרויסען וואונדערליכען הארצפארמיגען רובין, וואס עדווארד דער שווארצער פרינץ האט בעקומען פון דאם פעדרא פון קאסטיליען, נאך דער שלאכט ביי נאכערא, אין 1369, און וועלכען עס האט געטראגען הענרי דער 5־טער ביי דער שלאכט נעבען אזשענקור, אין 1415 וואו ער האט איהם שיער פערלוירען צוזאמען מיט'ן קאפ.

די קרוין האט אויך א גרויסען סאפיר וואס דזשארדזש דער פיערטער האט געקויפט. 14 אנדערע סאפירען, 11 סמאראגדען, 14 רובינען, 1363 בריליאנטען 1273 רויזען דימאנטען, 147 אנדערע דימאנטען און 177 פערעל.

זי איז געמאכט געווארען אין 1838 די מעהרסטע שטיינער זענען גענומען געווארען פון אלטע קרוינען און זיינען איינגעפאסט אין זילבער און אין גאלד, און די קרוין, צוזאמען מיט דער פורפור יאהמעלקע און ווייסען, זיידענעם אונטערשלאג וועגט 39 אונצעס און פעני וועיטס.

ארום דעם נידריגען באנד פון הערמעלין פעל געפינען זיך 129 פערעל און 112 ארום דעם אויבערשטען באנד.

פארנט געפינט זיך דזשארדזש דעם 6טענס גרויסער סאפיר, הינטען איז פאראן א קלענערער סאפיר מיט דריי קלענערע סאפירען און 8 סמאראגדען צווישען זיי.

ארום די 8 סמאראגדען געפינען זיך 128 דימאנטען און 14 דימאנטען פון אויבען און פון אונטען פון די סאפירען. 116 אנדערע דימאנטען זיינען צוזווארפען צווישען די סמאראגדען און סאפירען.

איבער דעם באנד געפינען זיך 8 סאפירען און איבער זיי 8 דימאנטען מיט 8 ספראנטשיקעס צווישען יעדען פאר פערברויכענדיג 148 דיאמאנטען.

דער גרויסער רובין געפינט זיך אין צענטער פון א קרייץ וועלכער איז בעזעצט מיט 75 בריליאנטען. אזעלכע קרייצען געפינען זיך פון הינטען און ביידע זייטען פון דער קרוין מיט דריי סמאראגדען אין צענטער ארומגערינגעלט פון 368 דימאנטען.

צווישען די פיער קרייצען געפינען זיך די פלער דעלי, יעדע מיט 4 רובינען אין צענטער און ארומגערינגעלט מיט 344 רויזען דיאמאנטען. פון די קרייצען ציהען זיך די קייזערליכע רונדונגען פון דעמבע בלעטער און דעמבע ניס, די בלעטער בעזעצט פון 728 דימאנטען און די ניס מיט 32 פערעל און שעלכעלאך אויס געארבייט פון 55 דימאנטען.

אין די רונדונגען און די ניס געפינען זיך 108 בריליאנטען 116 דימאנטען און 559 רויזען דימאנטען. פיער גרויסע בארנע־פארמיגע פערעל מיט שעלכלאך וועלכע ענטהאלטען 12 רויזען דימאנטען און שטענגעלעך געבויט פון 24 דימאנטען הענגען פון די רונדונגען און איבער זיי געפינט זיך א „גלאוב" וועלכער ענטהאלט אין דרום טהייל 304 בריליאנטען און אין צפון טהייל 1,044. יעדער עקוואטאר איז איינגעפאסט מיט צו 33 רויזען דימאנטען.

אויף'ן קרייץ געפינט זיך דער אונשעצבארער סאפיר וועלכער איז געשניטען אין דער פארמע פון א רויז, ארום איהם געפינען זיך פיער גרויסע בריליאנטען און ארום 108 קלענערע דימאנטען. דיזע קרוין איז די נייעסטע און רייכסטע פון די ענגלישע קרוינען און פערשיינט דאס טונקעלע צימער אין וועלכען זי געפינט זיך.

אין דער ענגלישער געשיכטע ווערען דערצעהלט מעהרערע פעלע ווי אזוי קעניגע האבען פערזעצט זייערע קרוינען כדי צו שאפען פאר זייערע סאלדאטען און ווי אזוי מעהרערע קרוינען זיינען צוגעגנב'עט געווארען.

פון אנפאנג האט מען געברויכט קרוינען און קרוינדלאך פאר דעם איינפאכען צוועק צו האלטען די ניט געקאמטע האר אין ארדנונג כדי זיי זאלען ניט פערשטעלען די אויגען. צוערשט זיינען זיי געמאכט געווארען פון הערנער ביין און ערשט שפעטער פון מעטאל.

די ערשטע קרוינען האט מען געפונען אין עגיפטען. די אלטע מיטהאלאגישע געטער האבען געהאט זייערע ספעציעלע קרוינען.

יופיטער האט געטראגען ווילדע בלומען.

יונא, ווין בלעטער.

באקכוס יאגדע בלעטער.

אפאלא, לארבער בלעטער.

סאטורן, פייגען בלעטער.

הערקולעס דעמבע בלעטער.

פאן, פיין בלעטער.

מינערווא איילבערט בלעטער.

ווענוס, רויזען.

צערעס ווייץ שטענגליך, און אזוי ווייטער.

ניט נור העלדען און קעניגע, נאר אויך פריסטער, אטהלעטען און געוועהנליכע בירגער האבען צו פערשיעדענע צייטען געטראגען קרוינען. די רוימער האבען געהאט פערשיעדענע קרוינען.

אזוי איז צום ביישפיעל געווען די קרוין וואס בעלאגערטע האבען געשיקט צום פיינדליכען העלד און וועלכע איז געמאכט געווארען גלייך אויף'ן פלאץ פון גראז אדער ריטלעך און אין דער געשיכטע איז דיזע קרוין טאקע בעקאנט אלס די „גראזענע קרוין".

עס איז אויך געווען א קרוין געמאכט פון דעמבע בלעטער וואס איז געגעבען געווארען צו א רוימישען סאלדאט וועלכער האט אין א שלאכט געראטעוועט א רוימישען בירגער. די טריאומף קרוין איז צוערשט געמאכט געווארען פון לארבער בלעטער און דאן פון גאלד וועלכע איז געהאלטען געווארען איבער דעם זיעגערס קאפ און זיין טריומף צוג.

פערשיעדענע אנדערע קרוינען זיינען געמאכט געווארען פון פערשיעדענערליי מאטעריאלען.

חתונה קרוינען זיינען געמאכט געווארען פון גרינע ווייץ.

לויה אדער טויטען קרוינען פון בלומען.

די היראטה'ס קרוינען איז געווען געמאכט פון אייזען קרויט וואס די כלה האט אליין אבגעריסען.

די געבורטס קרוין אין גריכענלאנד איז געמאכט געווארען פון וואהל. אין פאל א מיידעל איז געבארען געווארען און פון איילבערט בלעטער אין פאל פון א אינגעלע. אין רוים איז די קרוין געווען פון לארבער בלעטער.

די קעניגליכע קרוין איז צוערשט געבראכט געווארען קיין איירופא פון אלעקסאנדער דעם גרויסען, וועלכער האט זי אוועקגענומען פון פערזישען קעניג וועלכען ער האט פון טראהן ארונטערגעווארפען. די רוימער האבען זי קאפירט פון אלעקסאנדערן.

די גלאנץ קרוין איז צוערשט געטראגען געווארען פון די מאצעדאנישע קעניגע פון סיריען. די ערשטע גאלדענע קרוין פון די רוימישע אימפעראטארס איז געטראגען געווארען פון נערא.

די פאפסטליכע דרייפאכע קרוין, אדער טיארא, איז צוערשט געטראגען געווארען פון ערשטען פאפסט בענעדיקט. די רייכסטע קרוין איז געשאנקען געווארען פון קעניגין איזאבעלא פון שפאניען דעם פאפסט און קאסט 12,000 פונט.

פון די בעריהמטע איירפעאישע קרוינען איז שארלעמאן'ס וועלכע איז בעשטאנען פון פיער גרויסע און פיער קלענערע גאלד פלאטטען צוזאמענגעטשעפעט און פיין עמאלירט מיט פסוקים פון דער ביבעל. זי געפינט זיך איצט אין ווין.

די אייזערנע קרוין פון לאמבארדיען מיט וועלכער נאפאלעאן דער גרויסער איז געקרוינט געווארען אין מילאן, אין 1805 איז געמאכט געווארען אין זעקסטען יאהר הונדערט. זי איז געמאכט פון גאלד, אינוועניג מיט א רינג פון אייזען וועלכע ווי עס ווערט בעהויפטעט איז אויסגעארבייט געווארען פון מעהרערע „טשוועקעס פון אמת'ן קרייץ".

פון די פערשיעדענע קרוינדלעך פון דער ענגלישער אריסטאקראטי זיינען פאראן די פון דיוקס מיט סטראבערי בלעטער דעם מארקיז'ס מיט פערעל און סטראבערי בלעטער דעם אוירלס מיט 8 פערעל אויף לאנגע שטענגלאך און 2 בלעטער. דעם וויסקאונטס מיט 12 פערעל וועלכע איז צוערשט געטראגען געווארען פון סער ראבערט סעסיל, ערשטער ווילקאונט קיינבארן, און דעם בארנס קרוין וועלכע איז צו ערשט איינגעפיהרט געווארען פון טשארלס דעם צווטען.

### לאנדאנער שוהל עהרט איהרע בעאמטע.

די מיטגליעדער פון דער לאנדאנער שוהל האבען ביי זייער לעצטער פערזאמלונג פרעזענטירט מיט מעדאלען זייער פרעזידענט ל. אבראמאוויטש און זייער וויים פרעזידענט ה. ליוואי. רבי גארדאן האט דערביי געהאלטען א שעהנע רעדע, וועגען א פעראייניגטעס אידענטהום ביי דער יעצטיגער צייט. די רעדע פון רבי גארדאן האט ארויסגערופען גרויס צופריעדענהייט פון די אנוועזענדע.

מר. שולמאן און מר גרינבערג האבען דאמאלס איבערגעגעבען די מעדאלען צו די בעטרעפענדע פערזאנען.

### סער מעקענזען פאועל ערנסט קראנק

וואנקואווער דעצ. 3

דזשיי. מ. באועל, דער זוהן פון סער מעקענזי באועל האט ערהאלטען א ידיעה דאס זיין פאטער איז ערנסט קראנק.

סער מעקענזי באועל וועלכער דארף דעם 27טען פון דיזען חודש ווערען פולע 94 יאהר אלט איז דער עלטסטער סענאטאר אין קענעדער סענאט. אין יאהר 1894 איז סער מעקענזיע באועל געווארען א סענאטאר און פון 1894 ביז 1896 איז ער געווען דער פרעמיער פון קענעדע פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי.



א צוג מיט רוסישע סאלדאטען ארום דער רוסיש־דייטשער ליניע.

## בעוואוסטע אמעריקאנער אידען וועגען דער דעקלאראציע פון דער ענגלישער רעגירונג

די דעקלאראציע פון דער ענגלישער רעגירונג וועגען פאלעסטינא פאר דעם אידישען פאלק האט ווידער ארויפגעבראכט די ציוניסטישע פראגע אויף דעם גאנצען אויבען און פון דעם אידישען לעבען. עס איז איצט ניט מעהר א טהעארעטישע, זאנדערען א ריין פראקטישע פראגע, און די ערשטע פראגע, וועלכע איז איצט ענטשטאנען איז ווי אזוי וועלען די פיעלע בעריהמטע אידען וואס זענען ביז איצט געווען געגנער אדער גלייכגילטיג צום ציוניזם, אט דיזע אידען ווי אזוי וועלען זיי זיך איצט פערהאלטען צו דיזער ברענגענדיגער היסטארישער פראגע.

„דער אידישער קארעספאנדענט" האט דארום ארויסגעשיקט אן אנפראגע צו אלע אידען וועלכע זענען בעזאנדערס פראמינענט אויף פערשיעדענע געביעטען פון דעם אידישען אדער ניט אידישען לעבען און וואס זענען בעוואוסט אלס געגנער אדער גלייכגילטיג צום ציוניזם צו זיי ארויסצוזאגען זייער מיינונג וועגען דער ענגלישער דעקלאראציע.

מיר געבען דא איבער אייניגע ענטפערס וועלכע דער אידישער קארעספאנדענט האט בעקומען. זיי זיינען אלע אינטערעסאנט, אפילו די דאזיגע וואס זאגען אייגענטליך גאר ניט. דאס ניט זאגען אין אזא מאמענט איז אפט מאל זעהר פיעל געזאגט... מיר וועלען אין די פאלגענדע טעג פארזעצען די פערעפענטליכונג פון דיזע אנגעקומענע ענטפערס. און דאן וועלען מיר געבען א ספעציעלען ארטיקעל וועלכער וועט אויספיהרליך בעהאנדלען דיזע ענטפערס און גיבען אן אבשאצונג וועגען זיין.

### פעליקס ווארבורג וויל ניט מאכען קיינע ערקלעהרונגען.

מר. פעליקס ווארבורג וועלכער שטעהט אן דער שפיצע פון וויכטיגע אידישע ארגאניזאציעס האט צוגעשיקט פאלגענדען ענטפער:

איך האב ערהאלטען אייער בריעף פון 26טען נאוועמבער און וויל זאגען אז אזוי ווי איך האב ניט גענומען קיין אינטערעס אין דער בעוועגונג, וועלכע האט פאר איהר צוועק צו עטאבלירען א אידישען שטאאט אין פאלעסטינא וואלט איך בעסער נים געוואלט מאכען קיינע ערקלעהרונגען וועגען דיזען פלאן.

### רבי ראזענאו איז אליין נאך א געגנער

אין ענטפער צו אייער אנפראגע וואס איך דענק וועגען דעם. ארטהור דזש. באלפורס סטייטמענט וואס ווערט בעטראכט אלס ענגלישע דעקלאראציע צו גינסטען פון א אידישער מלוכה, וויל איך ערקלעהרען:

איך בין אבסאלוט געגען דער שאפונג פון א אידען שטאאט און פאלעסטינא אדער אירגענד וואו, איך לעז ניט די אידישע געשיכטע אין דער ליכט פון נאציאנאליזם, נור פון רעליגיאן, מיין האפנונג איז אז די אידען וועלען זיך ניט לאזען פערפיהרען דורך און אויסדרוק פון וועלכער עס איז רעגירונג. אז איהרע שטאאטסלייט קוקען גינסטיג אויף דער גרינדונג פון א נאציאנאלע היים אין פאלעסטינא פאר דעם אידישען פאלק און וועלען אנווענדען זייערע בעסטע אנשטרענגונגען צו מאכען מעגליך די דערגרייכונג פון דיזען צוועק די ווערטער פון מר באלפורס ערקלעהרונג וועלכע ערמוטהיגען די אידישע נאציאנאליסטען ציינען צו דער זעלבער צייט דאס די ציווילע און רעליגיעזע רעכטע פון די אידען און ניט אידישע קאמיוניטיס פון אנדערע לענדער קענען געשטעלט ווערען אין געפאהר, אנדערש וואלט ניט נויטיג געווען פאר איהם צו בעמערקען: „עס דארף קלאהר פערשטאנען ווערען אז קיין זאך זאל ניט געטהאן ווערען וואס זאל פערלעצען די רעכטע און פאליטישען צושטאנד אין וועלכען עס געפינען זיך די אידען פון וועלכער עס איז אנדער לאנד."

עס וואונדערט מיר ניט וועניג, וואס די אידען וועלכע פרעהען זיך מיט מר. באלפור'ס לעצטע דעקלאראציע און מעלדונג, אז די דיפלאמאטען פון אנדערע לענדער זיינען אויך צוגונסטען פאלעסטינא אלס היים־לאנד פאר אידען, בערעכענען ניט, אז מיט דעם מאכען פון פאלעסטינא פאר א אידישע מלוכה. וועט פאלעסטינא ווידער אמאל ווערען א צווישען־לאנד אזוי ווי זי איז געווען דורך דער גאנצער וועלט־געשיכטע. געפינענדיג זיך אויף דעם בריטען וועג צווישען מערב און מזרח וועט ניט לאנג דויערען ביז די נייטראליטעט פון דער אידישער מלוכה וועט פערגוואלטיגט ווערען. פאלעסטינא וועט בלויז ווערען א צווייטענס בעלגיום מיט דעם אונטערשיעד, וואס די ליידען פון די אידען וועט זיין פיעל גרעסער, ווי די ליידען פון בעלגישען פאלק און וועט אפשר, אויב מען מעג ציהען שליסע פון דעם ערפאהרונג, אויך ניט ארויסרופען די סימפאטיע און מיטגעפיהל, וואס אונזערע אונגליקליכע בעלגישע עליים בעקומען מיט רעכט פון דער גאנצער וועלט.

און עס איז אויך ניט ראטהזאם אין דער איצטיגער צייט צו ערלויבען שטאטס־לייט, צוליעב איין טעם אדער אן אנדערען, צו פערנעהמען די אידישע אויפמערקזאמקייט מיט הבטחות וועגען פאלעסטינא, ווען פיעל דרינגענדערע פראגען, וועלכע זיינען נוגע לייזונג פון דער וועלט מלחמה פאר דער גרויסער מענשהייט, זיינען נויטיג פאר דעם וואוילזיין פון די לענדער פון אונזער געבורטה אדער אונזער היים, מיט דיזען גייסט בעטהייליגען מיר זיך אין דער איצטיגער מלחמה. ווען אבער עס וועלען זיך אנהויבען מלחמה פערהאנדלונגען דאן וועלען די רעכטע פון די אידען אלס בעזונדערע גרופע אין פערשיעדענע לענדער מוזען אונז אינטערעסירען. דאן מעגען די אידען פון דער גאנצער וועלט ענטשיידען פאר זיך, אויב זיי ווילען אז מען זאל זיי אפגעבען פאלעסטינא אלס א אידען־שטאאט ווי זי איז געווען זינט אלטע צייטען.

### סעמועל אונטערמייער בעגייסטערט פאר דעם ציוניזם.

דער בעוואוסטער כלל־טהוער סעמועל אונטערמייער שרייבט פאלגענדעס:

ענטפערענדיג אויף אייער אנפראגע וויל איך זאגען, דאס איך בין צוגונסטען פון דער גרינדונג פון א אידישע היים אין פאלעסטינא. איך האב פיעלע יאהרען דער פאר געקעמפט און געשטיצט דיזע בעוועגונג. דער געדאנק, אז דער טרוים פון יאהר־הונדערטע, וואס אונזער פאלק האט געהאט וועגען דער צוריקקעהרונג פון זיין נאציאנאלע־היים, האלט איצט ביים פערווירקליכט ווערען, מוז אויפפלאקערן די פאנטאזיע פון יעדען איינעם פון אונז, וועלכער האט ליעב זיין פאלק און איז שטאלץ אויף זיין געשיכטע און טראדיציאנען. מיר זיינען די אריסטאקראטען פון דער וועלט. אנדערע ראסען און נאציאנען זענען געקומען און אוועקגעגאנגען און מיר אליין זיינען געבליבען לעבען דורך די אלע צייטען די אמביציע איז א נאבעלע. איהר אויפפאסונג איז ווערטה געווען פאר דער פאנטאזיע פון אונזער פאלק און די האפנונג פון איהר פערווירקליכונג וועט אויפמונטערן די הערצער און אריינגיסען א פלאם פון שטאלץ און צופריעדענהייט, וואס וועט פערשפרייטען זיין ליכט דורך דער גאנצער וועלט.

### היי פארק וועט האבען א מיליטערישען האספיטאל

ביים מאנטאגדיגען מיטינג פון'ם סיטי קאונסיל איז דורכגעפאלען א פארשלאג פון אלדערמאן ריידינג דאס דער קאונסיל זאל נאכמאהל באטראכטען די פראגע פון באווילליגען 25 אקער לאנד אין היי פארק אויף צו בויען א מיליטערישען האספיטאל פאר די פארוואונדעטע סאלדאטען.

אלדערמאן ריידינג האט פארגעשטעלט א דעפוטאציע פון בירגער פון ווארד זעקס און זיבען וועלכע האבען געהאט אויסצוזעצען פערשיעדענע טענות געגען דעם באשלוס פון'ם סיטי קאונסיל צו באווילליגען 25 אקער לאנד אויף א מיליטערישען האספיטאל. איינער פון די געגנער האט אפילו אנגעדייטעט אויף דעם דאס די שטאדט האט ניט קיין געזעצליכע רעכט דערצו, ווארום דער פארק איז געשענקט געווארען צו דער שטאדט פון דזשאהן רזשיי. האוערד בלויז פאר דעם צוועק צו מאכען דערפון א פאבליק פארק און דורכדעם וואס די שטאדט געהט דארטען מאכען א האספיטאל קען זי נאך פארלירען דאס רעכט אויף דעם פארק אבער אלע אזעלכע טענות האבען זעהר וועניג געווירקט אויפן סיטי קאונסיל. דער פארשלאג ניט צו ערלויבען די 25 אקער לאנד איז דורכגעפאלען מיט 16 געגען 3 שטימען.

### א שוועדישע פרא דייטשע צייטונג קריטיקירט ענגלאנד פאר דער דעקלאראציע וועגען פאלעסטינא

שטאקהאלם.

די היגע סווענסקא דאגבלאדעט („שוועדישע טאגעבלאט"), וועלכע איז בעוואוסט אלס א שטארקע פרא־דייטשע צייטונג איז ארויס מיט אן ארטיקעל אין וועלכען זי לויבט ענגלאנד פאר איהר דעקלאראציע, אז פאלעסטינא זאל אבגעגעבען ווערען צו אידען.

די צייטונג איז, ווי געזאגט, שטארק פרא־דייטש. דארום איז ניט קיין וואונדער, אז זי צווייפעלט אין א פאלשטענדיגען ענגלישען זיעג אין פאלעסטינא. און זי ערווארטעט אויך ניט. אז ענגלאנד וועט זיין אין דער לאגע צו פערווירקליכען איהר פערשפרעכען צו די אידען. די צייטונג מאכט אפילו א לייכטען פארשלאג צו ענגלאנד, וואס דורך דיזער דעקלאראציע וויל זי צווינגען די אנדערע פון דער גאנצער וועלט, אז זיי זאלען אויפגעבען זייער נייטראליטעט. אבער די צייטונג ערקלעהרט אויך אז דיזע דעקלאראציע איז א גרויסארטיגע, שעהנע און מוטהיגע טהאט און בעדייטעט איינע פון די גרעסטע מאמענטען אין דער וועלט געשיכטע בכלל און פון די אידען בפרט. זי פערגלייכט דיזע דאקומענט צו דער ערקלעהרונג פון מלך כרש וועגען ווידער אויפצובויען דעם בית־שני און צו דער ערקלעהרונג פון נאפאלעאן וועגען די רעכטע פון די אידען אלס בירגער. די צייטונג גלויבט, אז דער ציוניזם וועט איצט פערווירקליכט ווערען א דאנק דיזער דעקלאראציע, ווייל די אידיש־פראגע איז ענדליך אפיציעל און אויף א ריכטיגען אופן געשטעלט געווארען פאר דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק, און עס איז אויך געגעבען געווארען די מעגליכקייט, ווי אזוי דיזע פראגע ראדיקאל צו לעזען. און אויף אן אופן און מוז און וועט אלעמען צופריעדענשטעלען.

עס איז ווערט צו בעמערקען אז די „סווענסקא דאגבלאדעט" איז איינע פון די גרעסטע, אנגעזעהנסטע און פערברייטעסטע צייטונג אין שוועדען.

### דר. אדאלף קאהוט געשטארבען

דר. אדאלף קאהוט איז אין בערלין געשטארבען. ער איז אלט געוועזען ניין און זעכציג יאהר.

דר. קאהוט איז געבוירען אין דער שטאדט מינדסענט אין אונגארן, ער האט פערפאסט א גרויסע צאהל ווערק אויף פערשיעדענע אידישע וויסענשאפטליכע געביעטען. זעהר פאפולער איז זיין גרויס ווערק מיט דעם נאמען „בעריהמטע אידישע מענער און פרויען אין דער קולטור געשיכטע פון דער מענשהייט", וועלכעס איז איבערזעצט כמעט אין אלע קולטור שפראכען פון דער וועלט.

דר. ס. פערלמאן
דענטיסט
341 באטהורסט סט.
(נעגען ארטהור סטריט).
טעל. קאלידזש 5720

דר. ד. א. סיגעל
דענטיסט
קארנער סט. פעטריק סט. און ספאדיינא עוו.
[illegible]

THE DAILY HEBREW JOURNAL

H WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.

The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario

PUBLISHED BY

— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —

251-253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967

SUBSCRIPTION RATES: $5 00 PER YEAR
SINGLE COPY 2c.

Entered as Second Class Mail Matter at G P.O Toronto, Ontario
January 22nd, 191

# טערקיי און די אלטע רוסלאנד

פלעגט מען רעדען וועגען דער אלטער רוסלאנד און איהר'ע אכזריות'ן בנוגע אידען, פלעגט מען ניט ווילענדיג איהר פערגלייכען מיט דער טערקיי. טערקיי דאס לאנד פון פוילקייט און געזעצלאזיגקייט, און רוסלאנד וועלכע האט זיך זייט די טעג פון פעטר דעם גרויסען געפוצט אין די איראפייאישע פעדערען. און דאך האט זיך די געזעצלאזע טערקיי בעצויגען צו אידען מענשליך, און וועגען די בעציהונגען פון דער אלטער רוסלאנד צום אידישען פאלק, דארף מען דאך ניט דערמאהנען, פיעלע פיהלען דאך נאך די רעזולטאטען פון דיזע בעציהונגען.

ניט אומזיסט האט זיך דארום אויף דער אידישער גאס געשאפען די גוטע מיינונג וועגען דער טערקיי, און זי איז דאך קיינמאל ניט געווען אנבעגרינדעט, דארף מען דאך ניט פערגעסען, אז ניט נור האט די טערקיי בעהאנדעלט אידען מענשליך, נאר זי איז דאך געוועזען די איינציגע, וועלכע האט די ארויסגעטריבענע אידען פון שפאניען און פארטוגאל א היים געגעבען, און איינער פון איהרע סולטאנען, סאלים דער צווייטער האט דאך אפילו א אידען - שטאאט אין ארץ ישראל בעוויליגט.

און דאך ווי אלעס האט זיך יעצט געביטען.

ווען מען האט געדארפט עוואקוירען יפו, זענען געוועזען די אידען די איינציגע וועלכע זענען ארויסגעשיקט געווארען. און יעצט ווען עס האלט ביי א שלאכט ארום ירושלים, זענען די אידען ווידער די איינציגע, וועלכע ווערען ארויסגעשיקט פון שטאדט, פון יענער שטאדט, וואו די מערסטע אידען האבען מעהר אין זינען דעם טויט ווי דאס ערדישע לעבען.

טערקיי און די אלטע רוסלאנד, צוויי מלוכות וועלכע אונטערשיידען זיך זעהר פיעל. און דאך האט יעצט די טערקיי פיעל געמיינשאפטליכעס מיט דער אלטער רוסלאנד. עס איז אויך געוועזען רוסלאנד די יעניגע, וועלכע פלעגט ארויסשיקען די אידען, איידער א שטאדט פלעגט דארפען עוואקואירט ווערען, און די טערקיי געהט יעצט אין איהרע פוסטריט. ביי רוסלאנד אבער איז דאס געוועזען א זאך, ענג צוזאמענגעפלאכטען מיט דעם גאנצען געוועזענעם רעזשים, און עס איז דארום קיין וואונדער ניט געוועזען אזא בעציהונג, ווי אזוי זאל זיך אבער דאס ערקלעהרען מיט דער טערקיי. ניט די בעציהונגען פון דער געשיכטליכער טערקיי, און אויך ניט די בעציהונגען פון דער יעצטיגער בערעכטיגען אזא שריט, און דאך געשעהט עס שוין צום צווייטען מאהל אין ארץ ישראל, אין א צייט ווען די בעציהונגען צו די אידען און די אנדערע טערקישע טהיילען זענען גאנץ אנדערע. און נאך שווערער ווערט דארום דאס רעטעניש, ווייל האט זיך באמת דער טערקיי פערגלוסט צו געהן אין די וועגען פון דער אלטער רוסלאנד, ווארום ווערט נאר דער כעס אויסגעגאסען אויף איין טהייל אידען, און ווארום ווערען זיי געמאכט אלס דער שעיר לעזאזל.

אדער איז דאס אפשר דער רעזולטאט פון די בעציהונגען צו אידען פון די דזשעמאל פאשא'ס און די דייטשע געהילפען זייערע. און די צענטראלע פון קאנסטאנטינאפאל ווייסט גאר ניט פון דעם, סיי ווי זענען דאך די רעזולטאטען דיזעלבע, און וואס מאכט עס אויס, דורך וועמענס בעפעהל די פאלעסטינער אידען ווערען געשלאגען.

ווער עס זאל ניט זיין דער פעראנטווארטליכער איז עס אלע סדער טערקיים שולד, פאר אנהויבען צו געהן אין די דרכים פון דער אלטער רוסלאנד, און דערוויל האט נאך ניט פאסירט קיין איינמאל, אז אזא רעזשים זאל ענדליך ניט טייער בעצאהלען פאר אזא אויפפיהרונג בנוגע אידען.

ווער עס גראבט א גרוב פאלט ענדליך אליין אריין אין איהם.

# אונזערע רעפארם־ראביים

צו דער צייט, ווען די גאנצע אידישע וועלט בעגריסט הארציג ענגלאנדס פארשלאג וועגען א אידישע היים אין ארץ ישראל, ווען אפילו אזא אסימילאטארישע קערפערשאפט ווי די לאנדאנער ״אנגלא דזשואיש אסאסיאיישאן״ האט בעשלאסען צו בעדאנקען ענגלאנד פאר איהר דעקלעראציע, אין אזא צייט, האבען די רעפארם - ראביים ארויסגעצייגט זייער אמתע שיכות צום אידענטהום.

די רעפארם - ראביים זענען שוין לאנג א מכה אויף דעם אידישען גוף, פון וועלכער עס איז אי שווער פטור צו ווערען און אי שווער עס אויסצוקורירען, זענען זיי יעצט ארויסגעקומען מיט זייער אמת'ן קלסתר פנים. אלע שטיצען דעם פאלעסטינא פראיעקט, נאר דיזע זונטאג - רבנים פערקלעמט נעבאך דאס הארץ צוזעהענדיג די נייע קללה, וועלכע האט זיך אויסגעגאסען אויף דעם אידישען קאפ דורך דער רשעות פון ענגלאנד.

אט שרייבט איינער פון זיי, דער סאמע פראמינענטסטער, ראביי עמיל הירש פון שיקאגא, אין דעם דארטיגען ״סאנדיי העראלד״ אזעלכע פערל :

> ״מיר אידען זיינען מעהר ניט קיין נאציאן ; דער בעסטער איד איז דער, וועלכער איז לאיאל און אן אקטיווער בירגער אין דעם לאנד, וואו ער האט א היים און מאכט א לעבען און האלט זיך ביי זיין רעליגיאן בלויז צוליעב דעם מאראלען און יושר'דיגען איינפלוס וואס זי האט אויף איהם און זיינע קינדער.
>
> ״דער ציוניסטישער פערלאנג פאר דער ווידער - אויפלעבונג פון דער אידישער נאציאן אין פאלעסטינא, איז געמאכט אויף דער סברה אז דער איד האט ניט קיין נאציאן, אבער איך זאג אז דער איד האט יא א נאציאן — דער ענגלישער איד האט ענגלאנד, דער דייטשער איד האט דייטשלאנד, דער רוסישער איד האט דאס פרייע רוסלאנד און איך— האב אמעריקא.
>
> ״דאס דעמאקראטיזירטע רוסלאנד איז א פיעל בעסערע היים פאר די ערניעדריגטע אידען ווי פאלעסטינא. דעמאקראטיע, די נייע ארדנונג פון דער וועלט, וועט צוברעכען די לעצטע גרענעצען צווישען קריסט און איד.
>
> ״אויף יעדען שלאכטפעלד קעמפט א איד געגען א אידען. קענט איהר זיך פארשטעלען אז ווען איד און א קריסט שלאגען זיך זייט ביי זייט, עסען צוזאמען שפייז, ליידען צוזאמען פון דער זעלבער געפאהר, שטארבען צוזאמען און געניסען צוזאמען כבוד און רוהם, זאלען ניט פערגעסען אן די ציווילע פאראורטהיילען ?
>
> ״די סטארס און סטרייפס״ הענגען איבער מיין קאנגרעגיישאן און ביי יעדען גאטעס דיענסט זינגען מיר ,״דהי סטאר ספענגלעד בעננער״. עס איז אונזער פלאג און אונזער ליעד. אויב אבער עס געפינען זיך אידען וואס גלויבען אז זיי וועלען זיין גליקליכער אלס א נאציאן אין פאלעסטינא, צו אזעלכע אידען זאג איך : ׳געהט מיט מיין ברכה״.

און דיזע מענשען פראטענדירען נאך צו זיין אונזערע פארשטעהער, און ווערען נאך ביי אונז אלס גרויסע פעררעכענט.

# די פעראייניגונג צווישען אמעריקא און ענגלאנד

מען רעדט איצטשטארק פון א בעשטענדיגער פעראייניגונג צווישען אמעריקא און ענגלאנד. אזא פעראייניגונג, גלויבט מען, וועט זיין די בעסטע גאראנטיע פאר דער אויפהאלטונג פון פריעדען און פון אמת'ער דעמאקראטיע, איבער דער גאנצער וועלט.

די פעראייניגונג צווישען ביידע לענדער, וועלכע בעזיצען איין שפראך, איינע און דיזעלבע אורשפרינגליכע געזעצען, די זעלבע ליטעראטור און דיזעלבע פילאזאפיע, וואלט געווען ניט מעהר ווי נאטירליך, אין דער פערגאנגענהייט איז דער וואונש פאר א פעראייניגונג, אויסגעדריקט געווארען ביי מעהרערער געלעגענהייטען פון ווייטזיכטיגע דיפלאמאטען פון ביידע לענדער. עס איז אבער ניט געווען קיין לייכטע זאך אומצושטירצען די שטארקע וואנד פון פאראורטהיילען וועלכע מען האט געהאלטען אין איין בעפעסטיגען אויף ביידע ברעגעס פון'ם אטלאנטיק.

עס איז ניט קיין קלייניגקייט אויסצוווארצלען א האס און א פיינדשאפט, וועלכע איז זייט הונדערט און פערציג יאהר געווען איינגעפלאנצט אויף דעם אמעריקאנעם באדען. ערקלעהרט האנטינגטאן ווילסאן, וועלכער בעווייזט איז דער זעלבער צייט ווי דער איצטיגער קריעג געגען דייטשלאנד האט אויף א וואונדערבארען אופן אבגעפרישט די אלטע בלוט־פערוואנדשאפט צווישען די אנגלא - אמעריקאנער פעלקער און זיי געוויזען די אוננאטירליכקייט פון זייער ביז איצטיגען געמיינשאפטליכען האס איינע צו די אנדערע.

א פעראייניגונג פון אמעריקא און ענגלאנד, ערקלעהרט ווילסאן, איז מעהר נאטירליך ווי א פעראייניגונג צווישען אמעריקא און פראנקרייך, פראנקרייך איז אמת, א רעפובליק, די צווייטע גרעסטע רעפובליק אין דער וועלט, צו וועמען אמעריקא פיהלט א בעזונדערע פריינדשאפט. היסטאריש האט אמעריקא אבער קיין שיכות ניט מיט די פראנצויזען, וועהרענד ענגלאנד איז געווען דאס פאטערלאנד פון די ערשטע אמעריקאנער און גרינדער פון דער נייער וועלט. פון ענגלאנד האט אמעריקא גע'ירש'ענט די ענגלישע שפראך, די ענגלישע ליטעראטור און די ענגלישע געזעצען, זאגאר די דעמאקראטישע פרינציפען און אידעאלען, וועלכע מען האלט איצט פאר ריין אמעריקאניש, זיינען די פרינציפען און אידעאלען פון'ם אלטען ענגלאנד.

צוויי זאכען האבען ביז איצט געשטערט צו אן אמת'ער ברידערליכער פעראייניגונג פון ביידע לענדער : איין זאך איז געווען וואשינגטאן'ס בעריהמטע צוואה, אין וועלכער ער האט אנגעזאגט, אז אמעריקא דארף ניט שליסען קיינע ״פערפלאנטערטע בונדען״ מיט אנדערע לענדער. און די צווייטע איז געווען די אייןזייטיגע און פיעל איבערגעזאלצענע היסטארישע פאקטען מכח די אונגערעכטיגקייטען וואס ענגלאנד איז בעגאנגען פריהער געגען די אמאליגע קאלאניסטען און שפעטער, ווען זיי האבען אנגעפיהרט דעם גרויסען קאמפף פאר אונאבהענגיגקייט.

אין וואשינגטאן'ס צייטען איז אמעריקא געווען קליין און אונבעדייטענד און האט ניט געשפיעלט קיין שום וויכטיגע ראלע אין דעם קאנצערט פון נאציאנען. וואשינגטאן האט נאטירליך ניט געקאנט פאראויסזעהען, אז מיט 140 יאהר שפעטער, וועט פון א קליינער מדינה אויסוואקסען א ריעז, וועלכער וועט ניט קענען לעבען איינזאם און צוריקגעצויגען פון דער איבעריגער וועלט. זאגאר כינא, וועלכע האט זיך ארומגעצאמט מיט ריעזיגע ווענד, האט ניט געקענט ווידערשטעהן דעם מערב אייראפעאישען גייסט און האט געמוזט ענדערען איהר טויזענד יאהר אלטע טראדיציאן פון לעבען אבגעזונדערט. עס איז זיכער, דאס ווען וואשינגטאן וואלט געלעבט נאך א הונדערט יאהר, וואלט ער געווען איינגעזעהען זיין טעות.

וואס אנבעלאנגט די צווייטע אורזאכע האט א געוויסער אלטשול, שוין לאנג בעוויזען, אז דורך דעם, וואס מען האט אין די פאבליק סקוהלס אימער געלערענט די צווייפעלהאפטע געשיכטע פון דער אמעריקאנער רעוואלוציאן, האט מען דערמיט אויפגעבויט א בעשטענדיגע וואנד פון האס, האט אבגעשיידט אמעריקא פון ענגלאנד. מיט דער ״צווייפעלהאפטער״ געשיכטע מיינט אלטשולד פשוט, אז מען האט פערדרעהט פאקטען, זיי צוגעפארבט און צוגעפוצט אזוי, אז עס זאל אויסקומען איינזייטיג. ניט נור אלטשולד, נאר פיעלע אנדערע היסטאריקער, האבען שוין ביי מעהרערע געלעגענהייטען פאקטיש בעוויזען, אז די פיעלע רציחות און געמיינהייטען, וועלכע די קאלאניסטען האבען געהאט אויסצושטעהן פון ענגלישע בעאמטע, האבען קיין מאל ניט דערגרייכט צו דער ענגלישער רעגירונג, און אז אין ענגלאנד האבען זיך געפונען, פיעלע, וואס האבען געקעמפט דאפיר, אז די קאלאניסטען זאלען האבען מעהר פרייהייט.

עס איז אויך א פאקט, אז טראטץ דעם, וואס אמעריקא האט געהאלטען אין איין איינפלאנצען איהר היסטארישע שנאה צו ענגלאנד אויף אמעריקאנער באדען, איז ענגלאנד געווען די איינציגע וועלכע האט אמעריקא געהאלפען אין פיעלע נויטהען, ענגלאנד האט געהאלפען אויס אלגעמיינע פרינציפען, איינפאך ווייל זי האט ניט פערגעסען איהר בלוט פערוואנדשאפט צו אמעריקא.

פיעלע געדענקען דעם היסטארישען אינצידענט פון דעם שפאניש־אמעריקאנעם קריעג, ווען א דייטשער אדמיראל האט זיך געשטעלט אנטקעגען אדמיראל דויא און די אמעריקאנער פלאטע אין האפען פון מאנילא. זעהר ווייניג מענשען ווייסען אבער, אז די דייטשע קריעגס שיפען האבען זיך דאמאלס צוריקגעצויגען ניט אויס מורא פאר דיואי'ס אולטימאטום, נאר אויס מורא פאר דער ענגלישער פלאטע. ענגלאנד'ס סימפאטיע אין דעם שפאניש־אמעריקאנעם קריעג איז געווען, ווי ווילסאן בעווייזט, מיט אמעריקא, און ביי פיעלע געלעגענהייטען ווען עס האט געהאלטען דערביי, אז א אייראפעאישע מאכט זאל אויסשטרעקען איהר האנד צום אמעריקאנעם וועלט־טהייל און דאדורך פארלעצען די מאנראו דאקטרין, איז ענגלאנד געווען די יעניגע, וועלכע איז געשטאנען הינטער אמעריקא'ס פלייצעס.

— צו וועמען — רופט אויס ווילסאן — קען זיך אמעריקא ווענדען אין אן עת צרה בעסער ווי צו איינענע בלוט־פערוואנדטע אויפן גרונד פון דיזעלבע טראדיציאנען, די זעלבע שפראך, דיזעלבע אנשטאלטען און געזעצען ?

״מיר האבען ליעב פראנקרייך, מיט וועלכער מיר זיינען איצט פערבונדען. מיר וועלען אימער געדענקען איהרע העלדען וועלכע האבען געקעמפט פאר אונזער פרייהייט און אונאבהענגיגקייט. מיר קענען אבער גוט פיהלען צו איהר דאס זעלבע ווי צו איינענע, וועלכע זיינען נאר אליין דעמאקראטיש ווי מיר אליין און זוכען איינצופלאנצען די פרינציפען פון אמת'ער דעמאקראטיע אויף דעם באדען פון דער גאנצער וועלט״. רעדט ווילסאן און האנטינגטאן ווילסאן איז ניט דער איינציגער, וועלכער זעהט אין דעם איצטיגען קריעג די בעשטענדיגע פעראייניגונג פון אמעריקא און ענגלאנד אין א שטארקען, מעכטיגען בונד מיט'ן צוועק זיך געגענזייטיג צו בעשיצען און פערטהיידיגען און בעשיצען און פערטהיידיגען אלע שוואכערע לענדער און פעלקער, פון ביידע זייטען, פון'ם אטלאנטיק ארבייט מען איצט אויסצואוועבען די בענדער, וואס זאלען אויף אימער פערבינדען ביידע מעכטיגע לענדער.

אין דייטשלאנד ווייסט מען פון דיזען קומענדען אנגלא־אמעריקאנעם בונד און כדי צו שטערען דיזען פלאן, פיהרט דייטשלאנד אן איהרע אינטריגעס זאגאר אין'ם געגענווערטיגען מאמענט דורך דער גוט בעקאנטער דייטשער פראפאגאנדא, וועלכע איז נאך ביז איצט ניט אויסגעראטען געווארען פון'ם אמעריקאנעם באדען. אלע דייטשע אינטריגעס וועלען אבער גאר ניט שטערען צו א שטענדיגען בונד צווישען אמעריקא און ענגלאנד, וועלכער וועט האבען די מאראלע שטיצע פון פיעלע פעלקער.

# אן אינטערעסאנטער בעפעהל פון די רוסישע ציוניסטען

מאסקווא.

דער צענטראל קאמיטעט פון די רוסישע ציוניסטען האט ארויסגעשיקט א צירקולאר צו אלע ציוניסטען וועלכע זענען אויך סטודענטען פון די רוסישע אוניווערזיטעטען אז. זיי זאלען באלד פערלאזען זייערע אוניווערזיטעטען און אוועקגעהן אין די פראווינץ שטעדט צו העלפען די אידישע מאסען זיך צו ארגאניזירען אויף א ציוניסטישען באזיס.

אין דעם צירקולאר ערקלעהרט דער צענטראל קאמיטעט, אז דער מאמענט איז אן אויסערארדענטליכער. די ברייטע אידישע מאסען אין דער פראווינץ ווילען זיך אלע אנשליסען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אבער עס פעהלען דארט אינטעליגענטע קרעפטען, וועלכע זאלען דיזע מאסען ארגאניזירען און זיי אנווייזען אויף זייערע פליכטען און ארבייטען, וואס מען פערלאנגט און ערווארטעט פון זיי און דארום איז נויטיג אז די יונגע אינטעליגענטע קרעפטען וועלכע געפינען זיך אין דער ציוניסטישער פארטיי זאלען ניט זיין אלע קאנצענטרירט אין די איינציגע גרויסע שטעדט זאנדערען פערשפרייט אין גאנצען לאנד.

עס איז אינטערעסאנט אז באלד האט דער צ. ק. פון די רוסישע ציוניסטען בעקומען די מיטטהיילונג פון אלע אוניווערזיטעט שטעדט, אז אלע ציוניסטישע סטודענטען, דאס הייסט כמעט אלע אידישע סטודענטען האבען זיך באלד ערקלעהרט צו פאלגען דעם בעפעהל פון דעם צ. ק. דער לעצטער האט ארגאניזירט א ספעציעלע ביורא וועלכע צושיקט די סטודענטען אין יענע ערטער וואו זייער מיטארבייט איז אם מייסטען נויטיג.

# איינדריקע און פאסירונגען

(א רייזע אין דער קענעדער וועסט)

### פון יוסף גודמאן

### פליעגען, און מענשעלאך.

איך בין אין פארטאל, עס איז דיא הויפט טהיר, דורך וועלכער אמעריקאנער קומען אריין אין מערב קענעדע צו בעזעצען זיך אויף די פרוכטבארע פעלדער פון סאסקאטשעוואן און אלבערטא — דיא „עלדאראדא״ פון ווייץ און קארען.

איך בין שוין דא אין דער גרענעץ־שטעדטעל א וואך צייט. די ארבייט איז א גאנץ לייכטע. איך דארף עקזאמינירען די עמיגראנטען און איך פערשטעה די ארבייט. ווארום וועלכער איך קען דאס ניט שטעלען פראגען ? די ארבייט וואלט געווען גאנץ אנגענעהם ווען אנשטאט עקזאמינירען מענשען מיט געפיהלען וואלט איך געדארפט עקזאמינירען ציגעל אדער סארטירען ברעטער.. עס איז מיין פליכט צו בעשליסען וועלכע פון די פיעלע עמיגראנטען איז ווינשענסווערטה צו האבען אלס א צוקונפטיגען קענעדער בירגער, און וועלכען מען דארף שיקען צוריק. איך דארף בלויז נאכפאלגען געוויסע רעגעלען און אויספיהרען דאס געזעץ, און איך בעגרייף פיליכט צום ערשטען מאהל אז געזעץ איז ניט אלע מאהל גערעכט. — פליכט און מענשען געפיהל, דין און רחמנות, ווי אומעגליך עס איז זיי איינצושפאנען אין איינעם אז זיי זאלען קענען הארמאניש שלעפען דעם וואגען פון געזעלשאפטליכען לעבען !

און איך טשינאווניטשע אין פארטאל שוין באלד א וואך. עס איז נעבעלדיג אויף'ן הארצען און יאושדיג אין דער נשמה. איך שטעה איין אין דעם איין און איינציגען האטעל וואס דאס שטעדטעל פערמאגט. עס זאגט זיך האטעל, עס איז א פשוטע הילצערנע צוויי גארנדיגע געביידע, וואס איז ווינטער קאלט ווי דער „נארד פאל״ און זומער אזוי הייס ווי אין א שוויץ באד אויף דער אויבערשטער באנק, ווי א ניו יארקער טענעמענט אין זומער, און ווי דער גיהנום, ווען עס איז א סטרייק ביי די אייז־מחבלים.

ווען איך בין אוועק פון וויניפעג איז נאך געווען גוט קאלט און איך האב שוין גערעכענט אז מיר וועלען שוין גאר קיין זומער ניט האבען דעם ווינטער, און דא בריהט עס און בראט ווי מיט פייער.. הפנים מען האט מיר געוואלט געבען דא א שטארק הייסע אויפנאהמע און איך האב עס געקראגען.

אט קומט דער סטיישאן מאסטער און נאך דער געוועהנליכער בעגריסונג גיט ער מיר איבער די נייעס, אז עס איז הונדערט און זעקס גראד הייץ און שאטען.

איך ענטפער איהם קורץ. „איף איט אין האטעל איז ניט אריינצוגעהן פון איז טו האט, געט אוט אף די שייד !״ פליגען. אבער פליעגען מכל המינים, און אין מיין צוהיצטער פאנטאזיע שטעל איך זיך פאר אז די אורזאכע וואס עס זיינען דא אזוי פיעל פליגען, איז ניט אנדערש ווי נאר אז די פערשיעדענע פליעגען האלטען אב אין פארטאל א קאנווענשאן.

און איך הויב אן זיי צו קלאסיפיצירען כל הזבוב למינו :— אט דרעהט זיך ארום א פליג ארום אויער. עס איז ניט אבצוטרייבען. טורקעט אין אויער ניט פטור צו ווערען. איך טרייב עס אוועק עס קומט ווידער צוריק, און איך בעשלים אז עס מוז זיין פון דער ספעסיע „אגיטאטאר״, א בעשעפעניש וואס נוידיעט גלאט אין דער וועלט אריין. — א נודניק. די פליעג וואס האלטזיך אימער אין קיך, דאס איז שוין א זי. א הויז פליעג א גלגול פון מיין „נעקסט דארינע״ שכנה. זי פאדעט ארום נעבען די טעפ שמעקט אריין צום פודינג, פערזוכט דעם קאמפאט, כאפט א לעק פון אלע פאטראוועס און שמעקט אריין אין יעדען ווינקעל.

איך בעטראכט מיט אביסעל דרך ארץ די גרויסע גראב בייכיגע פליעג, וואס קען ניט פליהען הויך ווייל עס איז אזוי שווער און אבגעפרעסען, אבער וואס קריכט ארום מיט חוצפה און קאנטראלירט אלע ברעקלאך שפייז וואס געפינען זיך אויף דעם טיש און לאזט ניט די קלענערע פליגען צו גיט זיי ניט קיין „טשאנס״ און איך דערקען די ספעסיע, „קארפאריישאן פליעג״! א ניצוץ פון א טראסט מאגנאט..

און אט די יונגינקע פליעג, לייכט בעוועגענד מיט שעהנע פליגעלאך, מיט א רויטינקען פיסקעלע, וואס איז נייגעריג, און וויל פליהען. עס ליגט א שטיק פליי פייפער״ עס ווערט פעראינטערעסירט, עס איז נייגעריג, עס וויל ווייסען. עס גנבעט זיך צו פאמעלאך און בלויז ביים ברעגעלע כאפט עס א לעק. עס איז אנגענעהם, עס איז זיס. עס קריכט אביסעלע ווייטער, אבער אלץ פארזיכטיג, שטעהענדיג אויף'ן ברעג פאפיער און אויסען געפאהר. איהר נייגעריגקייט אדער פיילייכט דער פערלאנג נאך אוואנטיור בעוועגט זי געהן אביסעלע ווייטער, און זי ווערט צוגעקלעפט צום פאפיער. ניט מעהר צו פליהען. זי ווערט נעבאפט אין דער פאסטקע.

ארעמע אונגעראהרענע פליגעלע. פאר אזוי ווייניג גענוס אזא שרעקליכער סוף.

און איך לאז איבער די פליגען קלאסיפיקאציע איידער איך קריעג פליגען אין נאז, און איך בלייב זיצען ווארטענדיג אויף דעם באהן, וואס דארף אריינברענגען נאך עמיגראנטען, און דאס וועט פיליכט פערטרייבען די פוילקייט, וואס האט מיך בעהערשט און אויך די איינזאמקייט און לאנגווייליגקייט.

מיט א שטונדע שפעטער קומט אן א צוג פון סט. פאול און ברענגט אריין די געוועהנליכע מאסע עמיגראנטען, געשעפטס לייטע, ארבייטער וועלכע זוכען א נייעם מארק פאר זייער ארבייטס־קראפט און אויך טוריסטען וואס זוכען סענסיישאנס אין פרעמדע לענדער.

טוריסטען דאס זיינען א מין רייכע „בראדיאנעס״ וואס האבען ניט קיין היים, שלעפען זיך ארום דער וועלט אין א „פולמאן קאר״ אדער אין איין ערשטע קלאס קאיוטע פון א דאמפף שיף. זיי זיינען אן אינטערנאציאנאלער קלאס פון לעדיג געהער וועלכע פלעגן אפט בעגעגענט ווערען אין אייראפא, נאר מיט דעם אנפאנג פון קריעג זיינען זיי געצוואונגען צו בלייבען אויף דיעזען קאנטינענט, און דער צאהל טוריסטען אויף די קענעדער באהנען האט זיך געוואלדיג פערגרעסערט.

איך קום אריין אין „אבזערוויישאן״ קאר און בעטראכט די פאסאזשירען, איין בליק אויף זיי, און עס איז מיר פערשפארט צו פרעגען ווער זיי זיינען, וואס זיי זיינען ? איך קען זיי פונקט אז לייכט קלאסיפיצירען ווי די פליגען א האטעל.

עס איז א מיש מאש פון נאציאנאלי טעטן פון אפריקא, אויסטראליע, ניו ז זעלאנד, אויך אמעריקאנער, פראנצויזן און רוסען און ענגלענדער. עס זייני דא יונגע און אלטע אלמנות און פערהי ראטע פרויען, וואס ערווארטען אונגע דולדיג צו ווערען וואס שנעלער אלמנו אום צו קענען טראגען שווארצע קליידע ווי די ערשטע, ווייל עס פאסט זיי אזו אן אקטריסע וואס וויל ווערען די ווי פון א מיליאנער און א מיליאנערס ווי בעל יואס האט שטארק חשק צו ווערען א אקטריסע. עס זיינען דא עטליכע פא שוינען פון דער אונטער וועלט. די פרוי קוקען אויס צניעות'דיג נעגען די או געבלויזטע, דעקאלטירטע פערהייראט דאמען, און די מענער די פון דער אונט וועלט זיינען מעגליך ערשט ארויס פ טורמע און די אנדערע האט מען נ דארפט דארטען פערשפארען ווען די רעכטיגקייט וואלט ניט געווען א בלינד.

פליעגען, מענשען און פליגען „נא באגס״, „זילבער באגס״ שרייבער פ טשעקס און שרייבערקעס פון ליעבע ב וועלאך. שעהנהייטען וואס זיינען קויפט געווארען ביי אלטע מענער און נ טע מענער וואס ווערען פערקויפט פון שעהנע פרויען.

— טפו ! זאל דאס ווערען פליעגען, פליעגען !

א דאנק גאט וואס דער סטיישאן מא טער קען עס ניט לעזען ער וואלט זיך געזאגט —,אז איך בין קרייזי ווית היט..״

# ליעדער

### פון י. י. סיגאל.

## מיר ווארטען

דער זומער געהט אוועק מיט זיינע בונטע פארבען
דער הערבסט קומט מיט זיין וועקלען און זיין דארבען
עס גוסס'ען די שעהנסטע צויבער פראכטען
און שטענדיג רק מיר ווארטען און מיר ווארטען . .
עס וועט דער הערבסט, דער ווינטער אויך אריבער,
און ווידער קומען וועט דער מאי דער ליעבער
צושפרייטען פריי זיין בשמים'דיגען שימער,
און מיר . . . מיר וועלען אלץ נאך ווארטען אימער.
אך ! מיר האלטען שטענדיג אין איין ווארטען,
פון ווינטערס אומעט, אויף דעם זומערס פראכטען . . .
און אונצופריעדען בלייבען מיר דאך תמיד
און זונענפריידען ווי אין גרויען אומעט . . .

## פארווארפען

איך בין פון מיין היימישען שטעדטיל פארווארפען,
עס האט מיך פארשליידערט א טייפעלשער צארן,
אזוי ווי א שעהנער א זוניגער חלום
איז טיעף אין מיין זעלע פאראיבינט געווארען —
דאס קלייניגקע שטעדטיל, דאס פרומע, דאס שטילע !
וואו ליכטיגע, שעהנע חלומות זיך וועבען . . .
ווי הייליגער גלויבען פילט אן אלע הערצער . . .
און מאכט אזוי ליכטיג דאס פינסטערע לעבען . . .
עס האט מיך די שיף איבער פינסטערע ימים געטראגען,
און האט מיך געבראכט אין דער פרייער מדינה
עס האט זיך מיין יאמער מיין אלטער געענדיגט . . .
און אויפגעמישט האט זיך א נייערע קינה . . .
איך פיהל זיך אין לאנד אזוי פרעמד אזוי עלענד.
וואס מעהרער עס שווינדען די ווינדיגע יאהרען, —
אלץ גלות'דיג - פרעמדער, פיהל איך זיך אין לאנד דא
און ס'מישען זיך אויף רק ביי מיר אין זכרון . . . —
די בילדער פון ליעבען פון היימישען שטעדטיל
מיט נייע זכרונות, אלץ קלארער און שעהנער
און ס'ווערען געבארען אין יענע מאמענטען
ביי מיר אין מיין דמיון פיעל טויזענדער פלענער . . .
צוריק צו דעם שטעדטיל צום היימישען קומען
און ווידער דארט לעבען מיט מיינע געטרייע . . .
דאס טריבפולע הארץ פאר זיי אויסדערצעהלען
מיין הארץ וואלט געזונגען דאן ליעדער שעהן - נייע . . .
עס ציהט מיך צוריק צו מיין היימישען שטעדטיל
דאס היגע לאנד איז מיר א פינסטערע צעלע
און לעב איך . . . איז נור אינ'ם זכות פון די טרוימען —
פון קינדערשען עבר די שעהנע די העלע
עס רייסט זיך א תפלה ארוים פון מיין הארצען
א גאט ! זאל מיין האפנונג ניט געהען פערלארען . . .
די ליכטיגע האפנונג, נאך ווידער צו זעהן זיך
מיט יענע וואס לעבען ביי מיר אין זכרון . . .

## שטילע קוויטעלאך

קליינע ווייסע בליהמעלאך
ביי דעם זוים פון פעלד
קוים ווי זיי דערשפירען נור
אסיען'ס פוילע קעלט
פארנייגען זיי די קעפעלאך
און לייגען זיך אוועק
און זיי שטארבען, שטילינקע
ווי קינדערלאך, אהן שרעק . . .

## זייט דאן . . .

זייט איך האב געבראכט דיר בלומען
געווארען בין איך אזוי בלאס
און איך האב זיך פיינט בעקומען
און איך בין אויף זיך אין כעס . . .
זייט איך האב דיר אבגעגעבען
מיין אונשולדיג ריינעם הארץ
האב איך אויפגעהערט צו לעבען
און איך קארטשע זיך אין שמערץ . . .
זייט איך רוף דיך „מיין פארמעגען״
רינט מיין הייסע ביט'רע טרעהר . . .
איך לעב פון דיינטוועגען
און איך ווער אלץ ארעמער . . .

# די נייע נייטראליטעט

## פון ראבערט מייזעל

(דירעקטאר פון אמעריקאנישען פערבאנד פאר ארבייט און דעמאקראטיע).

דער קאנגרעס פון די ארגאניזירטע ארבייטער פון אמעריקא, האט ניט נאר ענטוישט אלע פריעדענס פראפאגאנדיסטען, נאר ער האט אויך איבערראשט אלע ארבייטער פיהרער, וועלכע זיינען לאיאל צו אונזער רעגירונג אין דעם איצטיגען קריזיס, די יעניגע, וועלכע זיינען גוט בעקאנט מיט דעם גייסט, וועלכער הערשט אין די טרייד יוניאנס פון לאנד, זיינען אייגענטליך געווען זיכער, אז די קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר וועט גוט הייסען די פאטריאטישע טהעטיגקייט פון פרעזידענט גאמפערס און מיטגליעדער פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל. קיינער האט זיך אבער ניט געקענט ריכטען, אז די גאנצע פאסיפיסטישע פראפאגאנדא, וואס איז אנגעפיהרט געווארען מאנאטען לאנג, וועט גאר קיין שום איינדרוק ניט מאכען אפילו אויף די אויסלענדישע עלעמענטען פון דער פעדערעישאן.

די אבשטימונג איבער דער רעקאמענדאציאן פון דער עקזעקוטיווע, גוט צו הייסען די פאטריאטישע ארבייט פון דעם "אמעריקאן אליענס פאר לייבאר ענד דעמאקראסי" האט געוויזען, אז פון די פיער הונדערט און פופציג דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן אין באפאלא, וועלכע האבען רעפרעזענטירט גענוג צוויי מיט א האלבען מיליאן ארבייטער, האבען אונגעפעהר פיער הונדערט מיט צוואנציג פארשטעהער פון צוויי מיליאן מיט צוויי הונדערט טויזענד ארבייטער, מיט בעגייסטערונג געגעבען זייער הסכמה. צו דער ניצליכער טהעטיגקייט פון דעם אמעריקאן אליינס, און נאר פופצעהן דעלעגאטען פון קליינע יוניאנס, וועלכע האבען רעפרעזענטירט פערציג טויזענד ארבייטער, האבען זיך ארויסגעזאגט געגען פרעזידענט גאמפערס' טאקטיק. די איבעריגע זיינען ענטוועדער געווען אבוועזענד ווען די אבשטימונג איז פארגעקומען, אדער זיי האבען ניט געהאט דעם מוטה צו נעהמען א קלארע שטעלונג און האבען אויף אזא אופן כשר פערדינט די פעראכטונג פון דער גרויסער מאיאריטעט דעלעגאטען.

איינע פון די אונאנגענעהמסטע ערשיינונגען פון דער קאנווענשאן איז געווען די האלטונג פון מאנכע אידישע דעלעגאטען, אין דער אבשטימונג איבער דער פראגע "צו זאל די קאנווענשאן גוט הייסען די מלחמה פאליטיק פון די פיהרער פון דער פעדערייישאן". די דעלעגאטען פון דער לידיעס גארמענט ווארקערס, וועלכע שטעהן מעהר פון אלע איבעריגע יוניאן פיהרער אונטער דעם איינפלוס פון א געוויסער איסט בראדוויי'ער רעדאקציע, האבען גאר אין גאנצען אבגעזאגט צו שטימען איבער דער פראגע, ערקלעהרענדיג, אז זיי זיינען גאר ניט פעראינטערעסירט אין דעם גאנצען עסק. זיי זיינען "נייטראל". דיעזע נייטראליטעט ערקלעהרונג האט געמאכט א פיינליכען איינדרוק אויף דער קאנווענשאן. בערעכענט נאר: מאנאטען לאנג האט מען אויפגעשטורמט דאס לאנד מיט א פראפאגאנדא געגען געזעצליך ערוועהלטע פיהרער פון דער ארבייטער בעוועגונג, דערפאר וואס זיי האבען זיך ארויסגעזאגט צו גונסטען אמעריקא אין דיזער מלחמה דיעזע פראפאגאנדא האט פערווארזאכט קריעגערייען אין אלע ווינקלען פון לאנד. אפילו אין דער סאציאליסטישער פארטיי זעלבסט, די געסט פון דער זאגענאנטער פריעדענס פראפאגאנדא, איז אויך פארגעקומען א שפאלטונג צוליעב די מיינונגס פערשידענהייטען וועגען די פליכטען פון סאציאליסטען צו זייער לאנד אין דעם איצטיגען מלחמה קריזיס. די גייסטיגע פיהרער, די טהעארעטיקער און דענקער פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג, האבען די פארטיי פערלאזען, זיי האבען ניט געקענט צוזעהן ווי די פארטיי ווערט אויסגענוצט געגען די אינטערעסען פון אונזער רעגירונג, וועלכע איז די פרייסטע אין דער גאנצער וועלט, און צו גונסטען יענער דייטשער דעספאטיע, די שעדליכסטע אויטאקראטיע פון דער וועלט. און דא קומען מענשען און ערקלעהרען. אז זיי זיינען "נייטראל"! זיי אינטערעסירט ניט ווער עס איז גערעכט און ווער עס איז אונגערעכט אין דיעזען שטרייט!

וועגען דיעזער נייער "נייטראליטעט" מעגען די אידישע ארבייטער מאסען זיך ערנסט פארטראכטען. עס ווייזט אויס, אז דאס וועט זיין די נייע מאסקע, אונטער וועלכע מען וועט בעטרייבען די אנטי-אמעריקאנישע אגיטאציאן. ביז איצט האבען די אונפעראנטווארטליכע עלעמענטען אין אידישען קווארטאל, מיט זייער כאראקטעריסטישען הפקר גייסט, עפענטליך אנגעפיהרט זייער ארבייט, זיי האבען אויסגענוצט די אונוויסענהייט פון אידישע ארבייטער צו מאכען א פאליטישע קאריערע, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם גרויסען שאדען וואס זיי האבען געבראכט די אידען. אבער איצט ווערט אלץ שווערער עפענטליך אנצופיהרען אן אנטי אמעריקאנישע פראפאגאנדא, דארום איז ערפונדען געווארען א נייע טהעאריע פון "נייטראליטעט".

מעגליך, אז עס וועלען זיך געפונען צווישען אונז נארישע מענשען, צו וועמען דיעזער נייער לאזונג וועט אפעלירען. צום בעדויערען, זיינען פיעלע פון אונז אזוי אונבעקאנט מיט דעם אמעריקאנישען לעבען או מיט די אמעריקאנישע אינסטיטוציאנען, אז עס קען זיך טאקע ביי זיי לייגען אויפ'ן שכל דער געדאנק, אז מען קען לעבען אין אמעריקא און דארף ניט זיין פעראינטערעסירט אין דעם גרויסען קאמפף, וואס אונזער לאנד פיהרט איצט אן, צוזאמען מיט אלע אנדערע פרייהייט ליבע לענדער פון דער וועלט, געגען דעם דייטשען יונקערטהום. אבער די אמעריקאנער קענען ניט בעגרייפען אזא נייטראליטעט, און גראדע ווי די דעלעגאטען צו דער א. פ. אוו ל. קאנווענשאן אין באפאלא, זיינען אויפגעבראכט געווארען ווען זיי האבען געהערט די נייע נייטראליטעטס ערקלערונג, אזוי וועט אויך דאס גאנצע לאנד ענטריסטעט ווערען, ווען מען וועט הערען, אז דיעזע נייע תורה געווינט אנהענגער צווישען אידען.

אלע פעלקער האבען זייערע דעמאגאגען, מיר אידען קענען אין דיעזער הינזיכט קיין אויסנאהמע ניט זיין. אבער עס איז די פליכט פון אלע רעכט דענקענדע מענשען פון אלע פעלקער צו בעקעמפפען זייערע דעמאגאגען ווען זיי ווערען געפעהרליך. און פון דיעזער פליכט קענען זיך די רעכט דענקענדע אידען ניט בעפרייען. אונזערע דעמאגאגען האבען צו לאנג מיסברויכט אונזער געדולד, צוליעב זיי האבען די אידען פון ניו יארק געקראגען א שם איבער'ן גאנצען לאנד אלס פאסיפיסטען, די איסט סייד ווערט בעטראכט אלס דער הויפט קוואל פון אנטי-אמעריקאניזם אין דער צייט ווען די אידען טהוען זייער פאטריאטישע פליכט צום לאנד, ניט ווייניגער פון אירגענד וועלכער אנדערער טהייל פון דער בעפעלקערונג. מיר מוזען איין מאל פאר אלע מאל מאכען א סוף צו דיעזען צושטאנד. מיר טאהען ניט דורכלאזען קיין געלעגענהייט צו ווייזען דער אמעריקאנישער בעפעלקערונג, אז די אידישע מאסען האבען קיין שייכות ניט מיט דעם ערב-רב, וואס פרעטענדירט צו רעדען אין אונזער נאמען. די אידישע ארבייטער, וועלכע פערשטעהען די לאגע, און האבען אין זינען זייערע אינטערעסען אלס מיטגליעדער פון דער ארבייטער בעוועגונג, דארפען זיין די ערשטע צו ווייכען פון דיעזע אונפעראנטווארטליכע עלעמענטען, וועלכע נוצען אויס אלע שמד-שטיק אום צו קענען פארזעצען זייער טהעטיגקייט, וואס וועט, מעגליך, געבען א געלעגענהייט מאנכע לייט ארויפצוארבייטען זיך פאליטיש אויף דעם חשבון פון פארפיהרטע מענשען.

די אידישע ארבייטער, אלס יוניאן לייט, זיינען מעהר ווי אירגענד וועלכער אנדערער קלאס אידען פעראינטערעסירט אין דעם, אז זיי זאלען ניט מיסרעפרעזענטירט ווערען פאר זייערע אמעריקאנישע חברים אין דער ארבייטער בעוועגונג. זייער ערפאלג אין אלע זייערע קעמפפע פאר א שעהנערען לעבען, איז אבהענגיג אן דער מיטהעלפע פון דער אלגעמיינער ארבייטער בעוועגונג. זיי קענען אבער ניט ערווארטען קיין הילפע פון זייערע אמעריקאנישע חברים אויב זיי וועלען אבשטעהן פון דער אלגעמיינער ארבייטער בעוועגונג און זייער לאיאליטעט צו אמעריקא. די אמעריקאנער טרייד יוניאנס וועלען אויף קיין פאל ניט שטיצען קיין ארבייטער ארגאניזאציאן, וועלכע איז נייטראל צו דעם טיטאנישען קאמפף, וואס אמעריקא פיהרט איצט אן.

דער אמעריקאנישער ארבייטער איז פאטריאטיש. ער גלויבט אז א ארבייטער האט אויך א פאטער-לאנד, און ווען זיין לאנד, וועלכע גיט איהם די פאלשטענדיגע פרייהייט צו קעמפפען פאר א בעסערען לעבען, פיהרט קריעג מיט אזא מדינה ווי דייטשלאנד, וועלכע וויל האלטען די גאנצע וועלט אונטער'ן קנאפעל פון איהרע יונקערישע מיליטאריסטען, קען ער ניט בלייבען נייטראל, און קען ניט דולדען קיין גרופע אימיגראנטען ארבייטער, וועלכע פרעטענדירט צו זיין נייטראל.

אידישע ארבייטער פיהרער, וועלכע זיינען אויפריכטיג און איבערגעגעבען צו די אינטערעסען פון די אידישע ארבייטער מאסען, דארפען ווארנען אונזער עולם געגען דיעזער נייער "נייטראליטעט" און די אידישע ארבייטער און יוניאן לייט דארפען ווייכען פון די פריידיגער פון דיעזער שפאגעלנייער תורה פון מענשען, וועלכע האבען ניט דעם מוטה פארטצוזעצען זייער פראפאגאנדא עפענטליך, און ווילען זיך בעהאלטען אונטער דער מאסקע פון "נייטראליטעט".

### פון דער רעדאקציע

די רעדאקציע פון "אידישען זשורנאל" איז לחלוטין ניט איינשטימיג מיט פיעלע ארויסגעזאגטע מיינונגען אין דיעזען ארטיקעל, און מיר דרוקען איהם אויף דער פאלשטענדיגער פעראנטווארטליכקייט פון דעם שרייבער.

# דעם לעזערס ווינקעל

ווערטהער הער רעדאקטאר

ערלויבט מיר פלאץ אין אייער צייטונג צו ענטפערען חבר מר. שאפירא אויף זיין ארטיקעל, און וואס ווייטער מר. שאפירא באמערקט אז די ציוניסטען זענען שולדיג אן ענטפער דערפאר נעהם איך מיר דאס ערלויבעניש צו ענטפער'ן אבוואהל איך ווייס ניט צו איך בין בארעכטיגט דערצו.

מר. שאפירא באמערקט דאס די ציוניסטען זענען ניט קיין פאלקס באוועגונג, זענען ניט גענוג דעמאקראטיש. היינטיגעם מאהל מר. שאפירא מאכט איהר א טעות, קען דען זיין מעהר דעמאקראטיש ווי אויסשפרייטען די הענד צו רעטען, אהן אונטערשיעד פרום אדער ראדיקאל. אבי נאר א אידיש הארץ און אידישע געדאנקען. און זאגען ברודער קום העלפען אין דער ארבייט, אויפצובויען דאס אידען לאנד פאר אידען. זוכען דען די ציוניסטען פאר זיך מעהרערע ווי פאר אלע אנדערע אידען, מיר זעהן דאס פיעלע ציוניסטען גיבען אוועק זייער געלד און מיה, ארבייטען גאנץ שווער אהן א דאנק צו פארלאנגען, איז דאס ניט א פאלקס ארבייט? דער אומגליק איז וואס אחינו בני ישראל זענען ניט קיין דעמאקראטען, און שעהמען זיך איינער מיט'ן אנדערען, נעהמט למשל א אידען מיט א בארד, וועט ער אייך דעם ערשטען ענטפער געבען, אז ער וויל זיך ניט מישען מיט אבגעגאלטע ציוניסטען, און זייט זיכער אז דער תירוץ איז אזוי פאלש ווי ער זעלבסט. דאס איז בלויז דערפאר אום צו ראטעווען עטליכע סענט, אלס בעוויז קען דיענען דער פאקט, דאס דער מזרחי וועלכער באשטעהט פון לויטער ריינע מענשען און דאך באלאנגט ער ניט דארט דאס איז מכוח אידען מיט בערד. מיר האבען אבער אויך אידען אהן בערד, וועלכע קענען ניט ארויסשטעלען חזיר פיסעל כשר זענען זיי אבער אזוי פארקאוועט אין געלד מאכען דאס זיי קומען קיינמאהל צווישען מענשען, און ווייסט ניט מעהר ווי עסען און געלד מאכען. אט די יעניגע זענען די צוריק האלטער פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

א ציוניסטישער חבר
משה איילבוים.

## א אידיש - ליטערארישער פערלאג אין מאנטרעאל

מאנטרעאל.

די היגע שריפטשטעלער האבען זיך ארגאניזירט מיט דעם צוועק. צו גרינדען א פערלאג, וועלכער וועט ארויסגעבען פעריאדיש - ליטערארישע זאמעל - ביכער מיט דעם נאמען "קאנאדא".

די אנפיהרער פון דעם פעראיין זענען: מ. שמואלזאהן, א. מ. מאנדעלבוים, נ. פערלמאן, י. סיגאל און ש. נעפאס.

# עבירה

(אמאנאלאג פון א גראבען יונג)

## פון אברהם ווייעווארקע.

רבי! איך וועל אייך פרעגן א שאלה.

די גרעסטע לומדים האב איך זי געפרעגט און קיינער האבען זיי מיר ניט געענטפערט. טאטע מאמע האבען עס מיר פון קינדרוויז אן מיט גענוג קלעפ און קללות געגעבען צו פערשטעהן און דאך קען איך עס ניט פערשטעהן.

וואס איז אן עבירה?

רבי, הרגעט מיר, שעכט מיך, איך פערשטעה עס ניט!

אז איך בין קליין געווען האב איך גערעכענט, אז אן עבירה איז עפעס א שלעכטער רבי און די גאנצע וועלט איז זיין חדר אינגעל. נאר היינט זעה איך, אז דאס איז נאר א שרעקליכער גזלן וועלכען איך קען גארנישט פערשטעהן.

קוקט מיר ניט אן ווי א משוגענעם; אמת איך בין נאר א שוסטער יונג און קלאפ די קאפיטע פון דערפריה ביז ביי נאכט פונדעסטוועגן, נישקשה, געהירען אין קאפ האב איך געליובט צו גאט!

רבי! איהר זענט דאך א איד א תלמיד חכם, זאגט מיר דאך! וואס איז אן עבירה?

אז איך בין נאך א קליינער פעמבעק געווען, האב איך שוין דאס ווארט געהערט פון מיין מאמען א ליכטיגען גן עדן זאל זי האבען. אז איך האב זיבען יאהר געהאט האב איך שוין געפיהלט דעם עונש פון אן עבירה, איינמאהל, שבת האט מיר א קליינער כפרה'ניק א שייגעץ געווארפען זעקס שטיינער איך האב איהם נאר צוריק געווארפען איינעם האט מיך דער טאטע עליו השלום געטאשטשעט דערביי און האט מיר שיער א האלב אויער אבגעריסען; עס איז האט ער געזאגט אן עבירה א איד טאר שבת ניט ווארפען קיין שטיינער, און דער כפרה'ניק האט מיר געווארפען זעקס שטיינער און מיך צודם'ט איז ניט קיין עבירה אז איך האב איהם צוריק געווארפען איינעם אפשר נאר א האלבען — נא דיר אן עבירה!

אז איך האב זיך אמאהל שבת געגליטשט האט מיר דער רבי די אדערען געטרייבערט עס איז אן עבירה האט ער געזאגט און אז איך האב איהם אמאהל געפרעגט: נו וואס שאדעט אז עס איז אן עבירה? האט ער מיר געענטפערט אז פון מיינע אויגען שיינט ניט קיין גיטעס...

וואס איז דאך אן עבירה?

מילא דאמאלסט האב איך גערעכענט אז איך בין צו יונג און קליין אז איך זאל עס פערשטעהן. די מאמע האט מיר אויך אזוי געזאגט. אבער היינט בין איך שוין ווי זאגט מען עס אין די הגדה: „הרי אני" איך בין שוין אכט און צוואנציג יאהר, און איך זאג אייך רבי, איך פערשטעה ניט!

און די שאלה לעבערט מיר דעם קאפ ווי מיט טויזענד נאלען. דאס ווארט עבירה יאגט מיך אזוי לאנג ווי איך לעב! עס האט זיך צו מיר צוגעקלעפט ווי א שטיק סמאלע צו די הויזען, במחילה, און עס לאזט מיר ניט לעבען, וואס איך האב נאר אמאהל געוואלט טהאן, צו וואס איך האב זיך נאר צוגעריהרט האב איך שטענדיג געזעהען דערויף א בלעכעל מיט'ן אויפשריפט: עבירה!

רבי, דאס ווארט האט מיך געממית'ט!

איך האב די מעשה קיינעם ניט דערצעהלט: איך שעהם זיך. און אפשר איז עס טאקי ניט שעהן. ווייס, איך? איך בין דאך נאר א פראסטער שוסטעריונג! נאר איך רבי, וועל איך דערצעהלען וואס אמאל... דאס קליינינקע ווארט האט מיר אנגערייסט...

איך בין נאך דאמאלס געווען א יאלד פון קוים ניינצעהן יאהר און געארבייט ביים טאטען עליו השלום. מיר האבען דאמאלט געוואהנט ביי אברהם'ל קצב, געגענאיבער אונז האט געוואהנט שמואל שניידער איך מיין ניט אזוי שמואל שניידער, ווי זיין טאכטער עטיל, איהר נשמה זאל אין גן עדן רוהען, רבי, דאס איז געווען א בתולה א גאלד! זייט ניט בייז, רבי איך מיין ניט צו רעדען קיין עזות, נאר איך זאג די גאנצע ווארהייט, איז מיין נאמען ניט הירש בער צו דאס איז א ליגען: לכן, ווי האלט איך דאס יא, עטעל. איך זאג אייך דעם אמת. הייליגער רבי, אז איך האב זעהר גערן געזעהען אז עטעל איז אמאל אריינגעקומען צו אונז זיך בארגען א לאקשען ברעט, אדער עפעס אנדערש. איך האב דערפון געהאט א הנאה, וויא הייסט א הנאה, נו, נו... איך האב פשוט גאט געבעטען זי זאל אריינקומען!

רבי, עס איז גאר קיין וואונדער ניט, איהר האט זי ניט געקענט, דאס איז ניט געווען קיין מיידעל, א מלאך, זאג איך אייך, איז זי געווען! וואס זאגט איהר? איך זאל דערצעהלען דעם עיקר המעשה? גוט.

איינמאל פארנאכט, זיך איך מיר אזוי און קלאפ אן א פאאר האלבע זוילען, אין שטוב איז קיינער ניט געווען, עס איז פונקט געווען א מארק טאג, קומט עטעל אריין איך זאל איהר א מאס נעהמען אויף א פאאר קאמאשען. זי האט זיך געזעצט און אראב גענומען איהר קאמאש, איך זאל איהר א מאס נעהמען. רבי! איך ווייס ניט, איך געדענק ניט, צו בין איך איינגעשלאפען, ווען איך האב איהר פיסעל אין האנד געהאלטען, צו איך בין שכור געווארען. איך געדענק נאר וויא פלוצלונג האב איך געפיהלט א זעץ אין קאפ פון טאטען עליו השלום וועלכער איז פונקט אריינגעקומען. רבי מיין זעץ אין קאפ איז גארנישט, נאר זי האט ער ארויסגעווארפען און אויף איהר געשריגען:

הצופה!...

איך בין דאמאלט גרייט געווען אלע קאפעטעס דעם טאטען אין קאפ צו ווארפען! איך האב מעהר ביים טאטען ניט געוואלט זיין. א פייער האט אין מיר געברענט; ווי האט ער זיך אונטערגעשטאנען זי ארויס צו ווארפען? נאר דא האט זיך אריינגעמישט שמואל דער ישיבה בחור, וועלכער האט דאמאלט ביי אונז געגעסען א טאג. (שמואל'ן, האב איך ליעב געהאט און נאך היינט אויך — ער איז ניט קיין גנב!) און האט געמאכט א שלום צווישען מיר און מיין טאטען, דער טאטע האט ער געזאגט, איז גערעכט געווען, דאס איז אן עבירה. י יודיש קינד טאר אזעלכעס ניט טהאן. איך האב מיט אמאל דאמאלט געפיהלט וואס פיר א שרעקליכער גזלן דאס ווארט איז, א גזלן! זאג איך אייך, א-מערדער!"

וואס זאגט איהר איך זאל ניט אזוי קלאפען אין טיש אריין? רבי, ניט איך קלאפ, מיינע צרות קלאפען!... אדרבה הערט!

איך האב געמוזט צוקוקען ווי מען האט זי צו דער חופה געפיהרט! (איהר מוזט וויסען רבי, אז איך האב עטלען געוואלט נעהמען פאר א כלה, נאר מיין טאטע האט געזאגט אז ער וועט א מיתה משונה איינגעהמען און דאס וועט ניט געשעהען, אז זיין זוהן זאל נעהמען אזא א הצופה!

רבי, אז איך בין דאמאלס לעבען געבליבען, ווייס איך ניט — איז אן עק! איך בין ביי דער שוהל געשטאנען און געקוקט, און די כלי זמרים האבען מיר אין די אויערען אריין געשפיעלט: עבירה, ע—בי—רה.. ע—בי—רה! איך בין דערנאך קראנק געווארען, און מיין מאמע האט מיר געזאגט אז איך האב די גאנצע צייט געשריגען: עבירה! די עבירה געהט!... איהר פערשטעהט, רבי, דער גזלן האט מיר אזוי געיאגט, אז ער האט מיך קראנק געמאכט. עפעס א דבוק האט זיך צו מיר צוגעקלעפט, און וואו איך בין געגאנגען וואו איך בין געשטאנען האט ער מיר אלץ געשושקעט אין אויער אריין: עבירה, עבירה!...

טאטע מאמע זענען מיר געשטארבען, און איך האב מיר געקלאפט די פאדעשוועס איינער אליין. מיט קיינעם קיין ווארט גערעדט, אויסער מיט מיין העמעריל וועלכעס פלעגט מיר צוקלאפען אויף די פאדאשוועס א נגון: עבירה, עבירה!...

איך האב געזעהען אז עס איז ניט גוט מיט מיר, דער דבוק יאגט מיך, האב איך זיך גענומען ארויסשלאגען דאס ווארט פון קאפ און האב אנגעהויבען זאגען תהילים. איך האב גערעכענט טאמער וועט מיר גאט העלפען. און אפשר וואלט ער מיר טאקי געהאלפען — האט מיך, אבער דער גזלן ניט געוואלט אבלאזען!

און נאך אמאהל איז צו מיר עטעל אריינגעקומען איך זאל איהר א מאס נעהמען אויף א פאאר קאמאשען... אלץ אזוי גענוי געדענק איך ניט. איך געדענק נאר ווי עטעל עליה השלום האט געזאגט: פע! קושען א פרעמד ווייב. דאס טאר מען ניט — עס איז אן עבירה, און איז ארויסגעלאפען.

גוואלד אזא מין גזלן וועלכען איך זעה ניט און איך קען זיך ניט אויסהיטען פון איהם, איז דאך ערגער פון א מיתה משונה!

אזוי ווי זי איז ארויסגעלאפען האב איך דייטליך געזעהען אז די גאנצע שטוב איז פול אטא מיט דעם קליינעם גזלן. איך האב געפיהלט ווי די עבירה קריכט אויף די ווענד. דאס גאנצע ווערקשטעל האט ביי מיר אויסגעקוקט ווי אן עבירה. די קאפעטעס — עבירות, די שטיפטען — עבירות... דער סופיט ווינקט צו מיר מיט זיין געלען פלעק: עבירה, עבירה, הענג זיך! וואו דוא ווילסט — דוקא עבירה!

גוואלד! ווער איז ער דער גזלן?

איך האב פרומע אידען געפרעגט, אלטע לייט געבעטען, זיי זאלען מיר גענוי ערקלעהרען וואס איז דאס עבירה. יעדער האט מיר געענטפערט און דאך פערשטעה איך עס ניט

. און איך זאג אייך רבי, אז קיינער פערשטעהט עס ניט.

ווי אזוי זאל איך פערשטעהן? אדרבה, הערט אליין. מיט עטליכע וואכען צוריק איז, נעבאך עטעל נפטר געווארען

אז איך האב עס דערהערט, האב איך געמיינט אז איך ווער צעריסען אויף טויזענדער שטיקער. איך בין געלאפען צו איהר הויז. איך מיין וואו זי איז געלעגען א טויטע. איך האב ניט געמיינט קיין שלעכטס, חלילה, אויף נאמנות, רבי! איך האב זי נאר געוואלט אנקוקען. איך האב געוואלט, איך האב געוואלט, זיך די אויגען ארויסרייסען, האט מען מיך ניט אריינגעלאזט ווייל איך בין א כהן און דאס איז אן עבירה, איך האב געזעהען א שווארצען וואגען, א שווארצען, א שווארצען — מען האט זי אוועק געפיהרט, איך האב געוואלט צום קבר געהן, זיך אריינווארפען, צוהאקען זיך! צורייסען זיך. די האר זיך פון קאפ פליקען — האט מען מיך ניט צוגעלאזט — איך בין א כהן — עס איז אן עבירה! עבירה! עבירה! אלץ עבירות!...

רבי איך האב דאמאלט געוואלט גאט אליין פרעגען איך בין געלאפען זיך דאס לעבען נעהמען; דאס גאנצע לעבען איז ביי מיר ניט ווערטה געווען קיין צובראכענער שטיפט! האב איך שמואל'ן געטראפען, האב איך איהם געזאגט, איך געה זיך הענגען, איך געה זיך טרינקען, איך וויל מעהר ניט לעבען! האט ער מיך ניט געלאזט: א איד זאגט ער, טאר זיך ניט דאס לעבען נעהמען — עס איז אן עבירה. איהר פערשטעהט ניט נאר לעבען, נאך אפילו שטארבען לאזט ניט דער גזלן.

רבי! איך גלויב עס ניט, מען נארט מיך! אלץ נארט מען מיך, אלץ אלץ איז א ליגען!

וואס זאגט איהר? מען טאר ניט אזוי זאגען, דאס איז אויך אן עבירה? שוין ווידער עבירה!

רבי! איך קען ניט רעדען... די טרעהרען שטיקען מיך. נאר הרגעט מיך, שעכט מיך, איך פערשטעה עס ניט!...

# דער אויסטראליאר פארלאמענט שליסט זיך צוליעב יום-כפור

לאנדאן.

די צייטונגען פון סידני אויסטראליא מעלדען, אז צוליעב יום-כפור האט דער אויסטראלישער פארלאמענט זיך געמוזט שליסען. ווייל דער רעדנער פון דעם פארלאמענט דזש. דזש. כהן און דער ספיקער און טשערמאן פון די קאמיטעס מר. ד. ליווי זענען אידען און האבען יום-כפור געוואלט זיין אין דער סינאגאגע און ניט אין דעם פארלאמענט און די מיטגליעדער פון דעם פארלאמענט האבען אויך באלד מסכים געווען. אז צוליעב דיזע ביידע אידען זאל דער פארלאמענט זיך אויף יום-כפור שליסען.

בירגער פון סענטער טאראנטא
פארנאכלעסיגט ניט אייערע שטימען

אלע וועלכע זענען בערעכטיגט צו שטימען טארען עס ניט פערנאכלעסיגען. אויב איהר ווילט וויסען צו איהר זייט אויפ'ן וואוטערס ליסט, קומט אין אלדערמאן רעמסדענס קאמיטע רומס, און ווערט דארטען געוואר וועגען אייער רעכט צו שטימען.

רעמסדענס קאמיטע רומס זענען
קארנער עליזאבעטה און דאנדעס סטריט
קארנער ביוקענען און יאנג סט.
פארלאנגט סקרוטענירס

ערוועהלט אלדערמאן רעמסדען אלס פארלאמענט מיטגליעד פאר סענטער טאראנטא.

ערוועהלט קער'ן אין וועסט טאראנטא

אייער שטימע און איינפלוס איז געבעטען צו העלפען ערוועהלען פאר וועסט טאראנטא אין פעדעראלען פארלאמענט דעם ליבעראלען קאנדידאט

קער
קער'ס קאמיטע רום איז
אין 313 קאלעדזש סטריט
פערלאנגט סקרוטינירס
שיקט א ליבעראל אין פארלאמענט

יין ישמח לבב אנוש
צו אלע אנטעריאר אידען
מיר קומען צו אייך מיט אן איבערראשענדע נייעס. אייער אלט בעקאנטער פריינד
סעם גינשערמאן
פון 22 קלארק סטריט מאנטרעאל
איז גרייט צו פערקויפען אייך שנאפסען און וויינען, גוט און ביליג.
אין 24 שטונדען צייט בעקומט איהר אייער ארדער אין הויז, גיט אונז א "טרייעל - ארדער" און איהר וועט צופריעדען זיין.
א פאר פון אונזערע פרייזען:

| | | | א גאל. |
|---|---|---|---|
| טשערי ברענדי | | $5,00 | $5,50 |
| אלקאהאל ספיריט | $8,00 | 7,00 | 6,00 |
| עסטרייכישע ברענדי | | 5,00 | 5,50 |
| ברענדי מעריאז דריי סטאר | | 6,00 | 6,50 |
| סקאטש | | 4,50 | 5,00 |
| ראי וויסקי | | 4,50 | 5,00 |

דזשין די קייפער ביים פלאש צוויי דאלאר און $1.25 א פלאש
אלע וויינען זיסע און זויערע צו ביליגע פרייזען.
שיקט נאך אונזער פולען פרייז-ליסט.
S. GINCHERMAN
22 CLARKE ST. MONTREAL

ISBELL, PLANT & CO.
מעמבערס פון סטאק עקסטשיינדזש
ספעציאליסטען אין „מייניננ"
שיקט נאך א פרייען בריעף וועגען קענעדער מייניננ נייעס
סטענדערד באנק בילדינג
טאראנטא, מאנטרעאל.

פערקופיין גאלד קעמפ
די לעצטע אינפארמאציאנען קענט איהר קריגען ווען איהר וועט זיך סובסקרייבען פאר דעם פערקופיין הערעלד.
סוטה פערקופיין, אנטאריא.
פרייז פאר קענעדע $1.50. פאראייניגטע שטאטען $2.00 א יאהר.

באארד רום סורוויס
די פרייז באארד אין אונזער באארד רום ווייזט איצט גלייך
די פרייזען פונ'ם ניו יארק סטאק עקסטשיינדזש
די ניו יארקער קורב עקסטשיינדזש
די טאראנטא סטענדארד עקסטשיינדזש
מיר וועלען זיין צופריעדען אז איהר וועט זיך בענוצען מיט אונזערע באקוועמליכקייטען. פרייוועט ווייערס פערבינדען אלע אפיסעס אין טאראנטא — ניו יארק — פילאדעלפיא, האמילטאן און לאנדאן
KEMERER, MATTHES & CO.
108 BAY STREET - - - - TORONTO

# דער „אידישער זשורנאל“

ה. וויינבערג פרעזידענט און דזשענעראל מענעדזשער

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין'ם פראווינץ אנטאריא

סענטרעל דזשואיש פאבלישינג קאמפאני לימיטעד—ארויסגעבער

251-253 קווין סט. וועסט    טעלעפאן עדעלייד 3967

סובסקריפשאן פרייז: 5.00 א יאהר איינצעלנע קאפּ 2 סענט

## דאס שטארקסטע אין דער פרוי

### פון י. ב־ם

די פרוי איז בעצייכענט אלס דאס שוואכע געשלעכט, אלס די שוין זוכערין ביים מאן דעם העלד, אלס אומפעהיג ארויסצוציינען סמנים פון ווידערשטאנד ווען נויטיג. אין פאלט אמאהל א פרוי אלס קרבן, זוכט מען ניט דעם מאן צו בעשולדיגען וועלכער איז דער שטארקערער געווען. וועלכער האט זיעגען געמוזט, ווייל זיין קרבן איז שוואך. נאר די שולד ווערט דער פרוי צוגערעכענט. פאר וואס זי האט קיין ווידערשטאנד ניט געציינט.

פאסירט ווען אז עס געלינגט א פרוי, זיך ארויסצודרעהן פון די נעגעל פון דער חיה וועלכער לויערט אויף איהר, און צייגען איהר קראפט ווערט דאמאלס דאס שטארקסטע באהאלטען. נאר מען וויל דאס שטארקע אלס ארענטליכע פרוי, ניט אלס די זיעגערין, מען וויל דאס שטארקע דער פרוי ניט צוגעבען ווייל זי איז בעטיטעלט אלס דאס צארטע געשלעכט, זאגאר דאמאלס ווען דאס שטארקייט צייגט זיך ארויס אין דער פולער מאס.

א פרוי מוז א שוואכע זיין, מוז זיין אונטערוואַרפען אונטער דעם מאנס בעפעהלען, דארף זיך ניט אינטערעסירען מיט ארבייט, וועלכע קענען דאס צארטקייט פון איהר רויבען. ווייל א פרוי טאהר קיין גבורות ניט צייגען. עס פאסט ניט פאר'ן שוואכען שטארק צו ווערען.

ווערט די פרוי טהעטיג אויף וועלכען עס איז געביעט, ווערט א טימעל אויפגעהויבען דאס די פרוי זוכט פארמענערט צו ווערען זוכט צו פארטרייבען פון זיך דאס צארטע, דאס ווייבערישע, און וויל דעם מאן באהערשען.

די פרוי איז בעטיטעלט אלס א שעהמעוודיגע, אלס די יעניגע וועלכע וועט ניט וואגען אנצופאנגען צו רעדען מיטן מאן וועגען ליעבע, וועגען צערטליכקייט און דא צייגט די פרוי ארויס איהר קראפט וועלכע שטייגט איבער דעם מאן. באזיצט די פרוי וועלכע עס איז קראפט, נוצט זי עס אויס אין דער פולער מאס מיט דער גאנצער ענערגיע זוכט זי אויפצוהאלטען דאס וואס זי פארמאגט, און דער שטארקער מאן וועלכער זוכט זיין שוואכען קרבן, געפינט דא אריעז וועלכען עס איז אונמעגליך צו באקעמפען.

די פרוי וועט ניט וואגען איבערצוטרעטען די מאראל און עטיקעט וואס זי פארמאגט, וואס זי האלט אלס איהר כלי זין פאר'ן גבור וועלכער וויל איהר הערשער זיין, וועלכער זוכט געצערטעלט און געלאסטשעט צו ווערען פון שוואכערן, וועמען ער באזיצט, און דער מאן ווערט דאמאלס דער בייזער, זוכט די פרוי צו באזיגען.

פיעלע פאמיליען לעבענס ווערען דאדורך רואינירט, אפט מאהל צושיידען זיך געליעבטע צוליעב דעם חשד, וואס דער מאן ווארפט אויף זיין פרוי, אדער אויף דעם מיידעל מיט וועלכען ער געהט, דאס זי ליעבט איהם ניט, זי צייגט איהם ניט ארויס קיין צערטליכקייט, און דער טעות קימט דערפון וואס די פרוי וויל ניט נאכגעבען וויל קיינמאהל די שוואכע זיין, און צייגט אז זי איז פעהיג צו רעגירען איבער'ן שטארקען מיט איהר ליעבעס קראפט.

די פרוי ווייסט דאס איהר גבורה איז די ליעבע, וועלכע זי פארמאגט אין א גרעסערער מאס ווי דער מאן זי ווייסט דאס אויב זי וועט צו פיעל נאכגעבען וועט זי איהר רייף פארליערען, און היט זיך דערמיט. אנדערש איז אבער מיט'ן גבור וועלכער וויל ניט וויסען דערפון, רעכענט זיך ניט מיט די געפיהלען פון דער פרוי און ווערט איהם ניט געגעבען דאס וואס ער פארלאנגט, דאן דענקט ער אז מיט כעס וועט ער עס באקומען, שטעהט אבער דאמאלס די פרוי ביי איהר גבורה, מוז ער דער באזיעגטער זיין, און פרובירט צו צושטערען דאס וואס ער האט געבוים.

ווייניג רעכענט זיך דער מאן מיט דער פרויען שטארקייט, ער גלויבט ניט אין פרויען פעהיגקייט, און וויפיעל גבור ער זאל ניט זיין, מוז ער דאך פאלען אויף דער קניע פאר דער פרוי בעטען פון איהר זי זאל איהם אויפמערקזאמקייט שענקען.

די פרוי בעגרייפט דאמאלס, אז זי האט געזיעגט אנדערש אבער האנדלען פרויען געגען די וועלכע ווילען מיט מאכט זייער ליעבע רויבען.

פאר א זיסען שמייכעל, פאר א חנד'על פאר א קאמפלימענט, וועט אייך די פרוי אלעס אבגעבען, זי וועט זיך אבער קיינמאהל ניט לאזען באזיעגען מיט קראפט, צו רויבען פון איהר איהר ליעבע און גוטען מוטה.

די פרוי איז ניט שוואך. [illegible] מיט דעם נאמען פון [illegible] דער גרעסטער גבור מוז זיך צו דער פרוי ביינגען.

דער פרויס שטארקייט האט זיך נאך קרעפטיגער ביי דער לעצטער מלחמה ארויסגעוויזען. [illegible]

[illegible]

די פרוי [illegible] איהר גבורה [illegible] דער מאן [illegible] זיין.

---

## גוטע געלעגענהייט פאר די וועלכע ווילען לערנען מיוזיק

## פראפעסאר י. גלאז

גיעט פריוואטע לעססאנס אויף אלע אינסטרומענטען אויף טהעאריע און הארמאניע מעסיגע פרייזען.

וועגדען זיד 315 אגוסטא עוו.

טעלעפאן קאלעדזש 1368.

פון 5 ביז 7,30 נאכמיטאג.

---

## „אויף שמחות און אונטערהאלטונגען“

די יאנג מענס ווארקערס האבען איבערגעגעבען פאר די מלחמה קרבנות $8.15 וואס זיי האבען געזאמעלט דורך פערקויפען בלומען.

דער שילער קלוב פון טאראנטער פריז שילער וועלכער צייכענט זיך אימער אויס אין די זאמלונגען פאר די מלחמה קרבנות האט ווידער איבערגעגעבען צום קאנפערענץ $114,00.

דער קאנפערענץ דריקט אויס די אנערקענונג פאר זייער גוטע ארבייט און האפט אז זיי וועלען ווייטער העלפען די קינדערלאך פון יענער זייט ים.

דער וועכענטליכער קאלעקשאן פאר די מלחמה קרבנות פון דעם זונטאג איז געווען 290 דאלאר מיט 5 סענט.

קומענדען זונטאג וועט אנגעפיהרט ווערען א קאמפיין פאר נייע צאהלער, יעדע אידיש הויז וועט בעזוכט ווערען פון א קאמיטע, מיר גלויבען אז די טאראנטער אידען וועלען זיי אויפנעהמען מיט בסבר פנים יפות. עס איז אבער נויטיג הונדערטער וואלונטירען, זאלען זיך אבּרופען די אידישע זיהן און טעכטער.

קומט זונטאג 9 אין דער פריה אין פרץ שולע 194 בעווערלי סט.

12466ל12—5)

---

## אויפמערקזאם

פרייטאג דעם 30-טען נאוועמבער ארום 6.30 אין דער פריה איז און אלטער מאן ארונטערגעפאלען פון א ראנדעס קאר קארנער טשעסטנאט און ראנדעס. דער מאן וואס האט ארונטער גענומען די נאמבערס פון קאר און קאנדיקטאר, אויך די יעניגע וואס האבען געזהן זענען געבעטען צו מעלדען 21 בעלוויו פליים מר. זיירעל טעל. עדעלייד 4187.

254—12—5)

---

**פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני**

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
NY WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטרים. טעלעפאן אדעלייד 3087

ווארט ניט לאנג, טעלעפאנירט גלייך

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY. - 10 TERAULEY ST

---

**פרעגט אונז א פרייז**
אויף אייערע ארדערס פאר
**פרינטינג**

**און מיר זענען זיכער**

דאס מיר וועלען ביי אייך קריגען דעם ארדער פיר אלעס וואס איהר דארפט נאר פרינטען: סטיישיאנערי, סירקולארס, בלאטערס, אינוויטיישאנס, קארדס, בוקלעטס, ליפלעטס, פאוסטערס און ז. וו.

**און איהר זענט זיכער**

זיין צופריעדען סיי מיט דער פרייז, ארבייט און אויך צו דער בעשטימטער צייט.

**מיר מאכען פרינטינג**

אין פערשיעדענע שפראכען, ווי אידיש, העברעאיש, ענגליש, פרענטש, רוסיש אוקראיני, און פויליש.

**ספעשעל פיר די קאנטרעס**

ווען איהר שיקט אונז אריין אייער ארדער מעגט איהר זיין זיכער דאס מיר וועלען אטענדען דערצו פונקט ווי איהר זאלט ארדערען פערזענליך.

מיט אכטונג,

**די דזשורנאל פרעס**
א. גאלד, מענעדזשער
253 קווין וועסט - טעל. אד. 3967
רעזידענץ: 44 סטעפאניז סט. טעל. אדעליד 2971

---

**איבערראשענדע נייעס צו די אלע ביי וועלכע ליטעראטור איז טייער**

[illegible]

**מר. גראסמאן 41 אלקסטער סטריט**
טעלעפאן קאל. 2170

[illegible]

---

**LOEW'S**
**לאעו'ס יאנג סטריט טהעאטער**
[illegible]

אונאונטערבראכען
12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
נאכמיטאג 10 סענט, 15 סענט.
אבענד 10 סענט 15 סענט און 25 ס.

די וואך פון מאנטאג דעם 2-טען נאוו.

די וואונדערבארע פאטא דראמא א מאנס פרוי מיט עטהעל קלייטאן און ראקליף פעלאס. דאס איז אן ערצעהלונג פון א פרוי וועלכע דער מאן האט אלע מאהל געהאלטען טייער געציטערט און געפעסטשעט און וועלכע האט ניט געהאט קיין איינציגען צוועק אין לעבען אויסער שעהן אויסצוזעהן, זעהט דעם קלימאקס,

פעטי אין קוניע איילאנד מיט פעטי ארבאקלי.
דאס ערשטע מאהל אויפגעפיהרט מיט פאפולערע פרייזען.
אל ריימאנד און קעווערלי פרענק אין „די סובמארינערס“
ועקס אנדערע גרויסע אטרעקשאנס

---

**וויכטיג פאר סטארקיפערס און פעדלערס!**

מיר האבען שוין אונזער פול ליין מענ'ס, לידיעס און קינדערשע סוועטערס, אונטערוועיר, סטאקינגס, סאקס, פענטס, אווערהאלס, און פערשיעדענע דריי גודס וועלכע מיר האבען געקויפט לעצטען יאהר דאפיר קענען מיר פערקויפען ביליגער ווי אנדערע האלסיילערס. פרובירט אונז בעפאר איהר נעהמט אין אנדער פלאץ. מיר דעליווערען ארדערס איבער גאנץ קענעדע.

**קאפלאן און קאמפ.**
229 קווין סט. וועסט טאראנטא    טעל. ארלייד 3772

---

**סייפט געלד סייפט**
$3.00 דעפאזיט סייפט איהר $7.00

Miles of Joy

קעש אדער קרעדיט

אונזער גרויסער סטאק פון דיא בעסטע נייע גאראנטירטע בייסיקלס גיט אייך די געלעגענהייט קויפען א בייסיקל בילינגער ווי איבעראל. קומט איבערצייגט זיך. דיא פיערלעס איז בעוואוסט פיר די ראיעלסטע בייסיקל פירמע.

די איינציגע אידישע אגענטען פאר די **C. C. M.** רעמבליר בייסיקלס, עקספערטס און רעפערס בייסיקלס. בייבי קערידזשעס אויטאמאבילס צו פערדענטען צו יעדער צייט. מעסיגע פרייזען.

מיר פערקויפען טייערס און טיובס גאזאלין אויל פון אויטאמאבילס.

פיערלעס בייסיקעל ווארקס 195 דאנדעס סט. וועסט
טעל. עדלייד 3582

---

טעלעפאן — מיין 3175    רעזידענס — קאלעדזש 2432
110 טשעסנאט סטריט
**דזשי ענד בי מאטאר טראק קאמפאניע**

מיר זענען פארברייטעט צו מופען אייער פורניטשור, באגאזש, פיאנאס. מיר מופען און „שיפ'ען“ ביי עקספערטען. מיר פאקען און דעליווערען צו יעדער סטיישאן. מעסיגע פרייזען.

G. and B. Motor-Truck Co.
110 CHESTNUT ST.

---

EATON'S COAL
The Very best,    Phone College 1036
**איטאנ'ס קויהלען**
די בעסטע אין מארקעט גאראנטירען יעדען טאן
טעלעפאן קאלעדזש 1036

---

מיר מאכען אייערע אלטע קליידער ניי
**ל. ווהייט און סאנס**
בעסטע אידישע קלינערס, פארבערס און פרעסערס.
270 קווין סט. וועסט    טעלעפאן אדלייד 2015.
פעקטארי 135 וויליאם סט.    טעלעפאן אדלייד 1673
[illegible] פול דרעס סוטס סילס העטס פיר חתונות און [illegible] בעלער.

---

ארדערט אייערע קוילען ביי
**יאַנעזוער בראַדערס**
טעלעפאן מיין 6886
וואו איהר בעקומט בלויז ראדזשערס קויהלען
מיט ראדזשורס טיקעטס טעל. אפיס 104 פארלאמענט
ארדערט יעצט ווייל נאכהער ווערט זיין צו שפעט.

---

**מ. העלער**
176½ קווין סט. וועסט    טאראנטא

[illegible]

---

**HIPPODROME**
מאטינעע 10 און 15 אבענדס 10, 15 און 25 סענט

די וואך פון מאנטאג 2-טען דעצעמב. א סענזאציאנעלע פינף אקטיגע פאטריאטישע פיטשור „דער מאן אהן א לאנד“ מיט פלארענס לא באדיע אין דער הויפט ראליע. דאס ביל ווערט געוויזען 1.55, 4.15 און 8.15. מאל. טהעא און דעניעלס, מוזיקעל קאמעדיע רעווי.

דזשענעט, פון פראנקרייך.

פרעדריקס און פאלמער, וואודעוויל ווארעטקי דוא, דזשאגלינג עקספערטס ספעשעלטי. ווארעטסקי דוא דזשאגלינג עקספערטען ליטעל דזשער, זינגענדיגע קאמיקער.

וויילארד און ווילסאן, קריים האנטערס.

---

**ס. גרייזמאנס**
ניו־יארק כשר ווורשט סטאר און דעליקאטעסען
האלסייל און ריטייל
קאנטרי ארדערס דעליווערט
72—70 טשעסטנאט סטריט
טעלעפאן מיין 6203

---

כשר
TERDIMAN'S

**כשר וואורשט פעקטארי**
איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע פרישסטע און בעסטע סאסעדזשעס, וואורשט, סאלאמא פאסטראמא, צונגען און אלע סמוק פליישען און פיש.
פערלאנגט איבעראל
טערדימאן'ס כשר סאסעדזש
מיט'ן רויטען לייבעל.
266 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 909
ארדערס דעליווערט איבעראל

---



**קעש**
פון 145 ½ קווין וועסט

מאכט א ספעשעל סייל אויף 14 קערעט גאלד וואטש בריסלעטס 15 דזשועל מואומענטס ביליגער ווי האלסייל פרייז 17.50 בלויז פאר א קורצער צייט. אויך אלע ארטיקלען פון דיימאנטס און דזשועלרי מיט 30—25 פראצענט ביליגער.

טעלעפאן אדעלייד 3588.

The G. KASH Jewellery Co. 145½ Queen St. W.

---



**דיימאנדס**
$1 $2 $3
וועכענטליך

איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דיימאנד אדער אנדערע דזשועלרי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדערס דיימאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאל טייערער און עס איז און אייבינקייט. מיר געפרוווען יעדען עהרליכען מענשען זא דאס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דיימאנדס מיט די לייכטעסטע אבצאהלונגען.
ספעשעל דיסקאונט 10 פראצענט [illegible] קעש.
דזשייקאב בראדערס 82 יאנג סט. טאראנטא.

---

**מ. בראון**
פייער, לייף, עקסידענט, פלייט גלאז, און אויטאמאביל אינשורינג.
איך פליים פייער אינשורינגס אויף בילדינגס, פארניטשור און סטאק אין די זיכערסטע טאריף קאמפאניעס. שנעלע אטענדינג און ראיעלע בעהאנדלונג גאראנטירט.

M. BROWN
147 Seaton St, Phone M. 2364

---

מעפריים רום סיסטעם
**די וויליאמס**
קארטיידזש און סטארידזש קאָ.
טעלעפאן קאלערדזש 252

[illegible]

---

**ווען איהר קויפט און איהר ווערט דעם קעל דערמאנט דעם „אידישען זשורנאל“.**